## צו אהרן ווערגעליס באזוך אין לאנדאן

קודם־כל מוז מיר ווערגעליס מוחל זיין די אותא קלילא, וואס כ׳בין מוסיף ביי זיין נאמען. אויף די ה וואס גאט האט צוגעלייגט צו אברהם אבינו׳ס נאמען, האט מען אזויפיל דרשות געזאָגט, פשטלעך מחודש געווען, געשריבן קבליתטישע מאמרים, — כ׳וועל נישט זאגן בעסערע — זאָבער שענערע ווי אונזערע ביידנס לידער.

אגב: די סוף־אותיות „שצופים אמרו״, די „ם. וס שבלוחות בנס היה עומדים״ האט איר דאך מקבל געווען, איז ווען וועט איר שוין אנגעמען אונזער אלעמענס אויסלייג, אז דער נס יידיש זאל שוין זיין א גאנצער? הייליק אויסגעלייגט ליגן מיר אין דעם אייביקן אויסלייג!

עד כאן דער אקדמות־מילין „איידער כ׳הייב אן צו ריידן״ — כ׳מיין די פאר ווערטער אויפשרייבן איבער ווערגעליס׳ אויפגערודערטן באזוך אין אונזער יידיש־פארנעפלטן לאנדאן.

ס׳ערשטע מאל אים געזען אין ארבעטער־רינג, ביים קבלת־פנים־גלעזל־טיי לכבוד דעם חשובן גאסט, דעם יידישן פאעט, און דעם רעדאקטאר פון „סאוויעטיש היימלאנד״. נאך יארן אין יארן גרויע וואכעדיקייט וואס פארשפינט מיט א לאנדאנער נעפל דעם יידישן ארבעטער־רינג, האט זיך געפילט א יום־טובדיקייט, א חבריש־היימישע אטמאספערע, די פנימער געש־טראלט; אין מאנכע אויגן האבן זיך טרערן געוויזן, זיך דערמאנענדיק אין יענער אויפנאמע לכבוד איציק פעפערן און שלמה מכאלס — א טייך בלוט פליסט דעצווישן!

די ארבעטערטוער זיינען געווען שטאלץ מיט זייער גאסט און ער מיט זיי: „גאטעניו, ווארף מיך ווי דו ווילסט, נאר פאלן זאל איך צווישן אייגענע״.

אויפן קאקטייל־צונויפקום פון די יידישע שרייבער „און זשורנאליסט, ווען ער האט חריפיסדיק געענטפער אלע פראגן, אפילו די אונטערשטעלטע מיט א חזיר־פיסל, איז ער מיר פארגעקומען, ווי יענער חריף וואס פאלט אריין אין בית־מדרש: „בחורים, פרעגט א קשיא איך האב א תירוץ״... און ווען ער האט זיך יידישלעך צעפלאשעט מיט זיינע תרוצים, האט זיין צעשויבערטע, אזוי „כארשא״ צוגעגלעטע טשופרינע, באקומען דעם אמאליקן מארקיטן חן, כאטש זיינע איז כולה בלאנד און שוין א ביסעלע פליכעוואטע...

יא, ער האט פארענטפער אלע הארבע קשיות, אבער אויפן ריכטיקן תיק״ו ווארטן מיר נאך אלע אויפן אמתן תירוץ און ער מסתם מיט אונז: אליהו הנביא זאל קומען און ס׳זאל זיין „והשיב לב אבות אל הבנים ולב בנים אל אבותם״, ווען די ריכטיקע גרויסע גאולה וועט קומען פאר אלע מענטשן קינדער, און שום אויסנאם און מעלה־גירהדיקע קשיות וועלן ממילא זיין פארענפערט...

אין זיין לעצטן אוונט אינם הויז פון א אינדישע בודיסטן, (נישט חלילה וחס פארטוישן מיט יידישע בונדיסטן). ווו כ׳האב פארלאזט דעם זאל — כדי נישט אנצוטון אים די חרפה און מיר, אז מ׳זאל מיך מיט צוואנג ארויספירן.

ווי שיין וואלט געווען א געזעגן־אוונט: א יידישער סאוויעטישער פאעט לייענט יידישע לידער פאר לאנדאנער יידישע סטודענטן (ס׳גאנצע „הלל הויז״ האב איך געזען אין זאל) — צי ברויך מען דען צו פארשטיין, אז די האפערדיקע פרייד טאנצט פאר די אויגן; א מינוטע שוועבנדיקע אויף יידישע פערזן... איז אבער דאס יידישע פנים, די יידישע צורה — די יידישע יצורה! — פארשעמט געווארן, ווייל יידישע אסילאנטן (נישט נאר אין „בארד אפדעפיטיס״ זיינע דא אזעלכע, אויך צווישן די לינקע קרייזן) — זיי קרייזן אזוי ענג דעם כשוף־קרייז, ביז די יידישע יצורה חלילה אינגאנצן דערווארגען און אויסגעמעקט.

יא, איך האב נישט „אויסגעהאלטן״! און צי האבן בערגעלסאן, האפשטיין א.ד.א. אויס־געהאלטן, ווען זיי וואלטן געווען „אויסגעהאלטן״, וואלטן זיי געווע אסימילאנטן.

אן אסימילאנט דאס איז פאר מיר ערגער פונם א משומד; א משומד קאן מען געבן א שפיי אין פנים (אזוי איז דער דין א משומד מוז מען געבן חלוצה). אן אסימילאנט ווילט זיך אפילו נישט א כראקע געבן אינפרצוף אריין, ווייל מיט זיין נבזהדיקייט וויל ער צעשטערן די יידישע צורה און די יידישע יצורה.

איר זעט חבר אהרן ווערגעליס איין אות מ׳לייגט צו, איין קליין יידעלע און פון צורה ווערט יצורה, ערשט אז מען לייגט צו, צו א יידישן נאמען דעם ה. דעם אותא קלילא מיט וואס גאט האט די וועלט באשאפן.

268

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 3־422) אכט און צוואנציקסטן יאר פעב.־מער. לאנדאן

א י נ ה א ל ט:


| | | |
|---|---|---|
| „ואל היהודים ככתבם וכלשונם״, צייט און פורים לידער | ** | 1 |
| פורים־פאלקלאר (עסיי) | י ריכטיגער | 11 |
| כותל מערבי (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 19 |
| דער גורל פון א פליג (הומארעסקע) | משה בעקערמאן | 20 |
| אין הוילער באוואונדערונג (ליד) | שמואל וועהיט | 22 |
| א וידוי אין וואגן (דערציילונג) | יוסף ד. באסט | 22 |
| דער וועג פון א דיכטער (ליד) | עלא זילבערג | 34 |
| די אויגוסט שטראסע (א קאפיטל פראזע) | א. נ. שטענצל | 35 |
| א שמועס (עסיי) | א גאלאמב | 44 |
| העינריק ערליך און וויקטאר אלטער | מאיר באגדאנסקי | 48 |


## דער ווארשעווער געטא - אויפשטאנד

זונטיק דעם 16טן אפריל אין אדלער הויז, אדלער סטר. 3 א זייגער.

**רעדאקציע - נאטיץ**: די קולטור־ידיעות און די ארטיקלען צום 75 געבוירן יאר פון דר. שלמה בירנבוים פון דר. מאיר גערטנער און שמעון אבראמסקי אין קומענדיק אפריל נומער, און אויך דאס ארטיקל פון מאיר צעלניקער איבער „פידלער אויפן דאך״.—ד.ר.

## דר. שלמה בירנבוים צו זיין 75סטן געבוירן יאר

דעם באוווסטן שפראך־פארשער און יידיש־וויסנשאפטלער, דר. **שלמה בירנבוים**, ווינטשן מיר נאך לאנגע לאנגע יארן אנציגיין מיט זיין וויכטיגער ארבעט — עד מאה ועשרים.

לשון און לעבן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 3־422) אכט און צוואנציקסטן יאר פעב.־מער. לאנדאן

## „ואל היהודים ככתבם וכלשונם"

צו די פורים־שפילער אונזערע פון „היינט איז פורים און מארגן איז אויס" זאגן מיר: די מאסקעס אראפּ און באוויזן דאס אמתע פּרצוף! הינטער די באַריקאַדן פון סאציאליזם און הינטער דער באריערע פון ציוניזם קאן מען זיך שוין מיט אסימילאציע נישט מער באהאלטן — צו בולט שטארטשעט זי ארויס די ידישע נאז! כאטש נעם און האק אפּ, צוזאמען מיט איר, דעם ידישן קאפּ.

אן אן אייגענער ידישער קולטור איז קיין ידיש פאלק נישטא — אוריתא וישראל חד הוא! פון די אלע טארא־גלעקלעך קאן, חלילה, אויסגעאסן ווערן איין גרויסער קירכן־גלאק...

צו וואס די „ידיים ידי עשיו" זענען פעאיק ווייסן מיר שוין, מיר האבן זיי געפילט אויף אייגענעם גוף. און וואס די בני ישמעאל, די אכט און פערציק אראבישע שבטים, ווילן אין אונז זען, זאלן זיי בעסער עס נישט דערלעבן.

אין דער אטאם־עפּאכע, אין אונזער קאסמאנאוטן־דור, איז ידישע אסימילאציע צווישן קולטור־פעלקער א ראפּידע שווינדזוכט; מיר קאנען, חלילה, פארשווינדן אין איין כהרף־עין; און פאר דער גרויס־פאליטיק איז דאס „עקזאדוס"־לענדל דער ניין און פערציקסטער שבט צווישן די עקזאטישע אראבער. און דער קיזינגער און זיין ווילי־ויזתא האבן שוין די מאה און ווילן זאגן די דעה; זיי זיינען שוין אומצופרידן „וואס וואשינגטאן וויל זיך פארשטענדיקן מיט מאסקווע":

די נאצישע חיה־רעה בריאה,\
רייסט זיך שוין ווי המן אויף דער תליה;\
זי וויל זיך אפּרייסן ווי א הונט פון דער קייט,\
ס'נישט־דערקוילעטע חזיר אין איר שרייט — —

עס ברויך אבער נישט ערשט אויפצושטיין א נייער המן: „להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים", א טאטאלע ליקווידאציע מיט גאז־קאמערן — דער אסימילאציע־גיפט אין אונזערע מוח־קעמערלעך איז שוין ממש ווי צוגעפּאסט דערצו.

די כלערליי פּרעמדע מאסקעס פון די פּנימער אראפּ און מיטן אייגענעם לשון ארויס: „ואל היהודים ככתבם וכלשונם"! אן אן אייגענער קולטור מוז א פאלק אונטערגיין. אייביק קאן מען נישט שטיין פאר פרעמדער טיר און זינגען מיט פרום־פארגלייזטע אויגן: „גיבט מיר א גראשן און ווארפט מיך ארויס"...

אין צדיק אין פעלץ־פארשטעלטע, הלצה תורה־ווערטלעך און פאלקלאר־וויצן אין תרגום־עברית, אין א ים „בעסט סעלערס"־איבערזעצונגען שווימט מען צו צו א פרעמדן ברעג — אפגעזאגט די רעפליק און אויסגעשפּילט!

די כרפס ותכלת־פאָרהאנג פונם גוט־איינשטודירטן אחשורוש־שפּיל פאלט, די אלע אונטערשיבטע באריקאדן־און־באריערע קוליסן זיינען נישטא מער און מיט די פאפּירענע מאסקעס אין די הענט בלייבט מען שטיין ווי די אויסגעשפּילטע פורים־שפּילער:

אויסגעטון די יאנוס מאסקע,\
ס'אייגענע פּרצוף באוויזן;\
צוויי פּנימדיק? טויזנט און איינס!\
מיט אמתדיק לשון ארויס,\
די ווערטער גיפטיקע שפּיזן —

בלויז ווי לאקריץ זיס זיי זיינען,\
באפּיכט מיט הארציקסטע בליקן;\
א סיקנדיקע שלאנג שפּרינגט אויף,\
מיט זינגענדיק צינגל אין מויל,\
דאס קרבן אירס צו פארציקן.

נ.ב. „משנכנס אדר מרבין בשמחה":

אמת, „פורים איז נישט קיין יום־טוב און קדחת איז נישט קיין קרענק", אבער אז מען באקומט אן איינלאדונג צו אן אייגענעם יובל־השבעים, איז מען שוין אלט; צי א גרויע האר אין דער בארד איז עס, ווייס איך נישט, אבער אזא איינלאדונג איז שוין זיכער א „פּאוויעסטקע" . . .

## די טויטן־טאנץ מאסקע

„ומדבר כלשון עמו" (אסתר א, כ"ב)

. . . איז גיך אנגעטון די טויטן־טאנץ מאסקע,\
די שטערן־פאלטן פינסטער איינגעשניטן;\
די נאז שטארטשעט ארויס א שארבנדיקע\
צווישן צוויי אויגן־לעכער אין דער מיטן.

די צעאקערטע באקן בלומען־צעבליט,\
אין די מיתה־משונהדיקסטע פארבן;\
די מעסער־שארפע ליפּן, בלוי־צעבלאנקטע,\
א צעקרומט לאך, א זדעכליאק ערב־שטארבן.

מיט מיין לעצטן ליד אבער אפּצוזינגען,\
ביי קיינעם נישט קומען רחמנות וועקן;\
צומאל דער מלאך, מיט די טויזנט אויגן,\
איין בליק מיינעם דערזען, טויט זיך דערשרעקן.

מען רייסט זיך, מען בייסט זיך, ביז בלוט מען צעקראצט זיך,
מען גראטשט זיך מיט די לאפקעלעך די אויגן אויס;
קוצעניו־מוצעניו און מען איבערבעט זיך,
און מען שפילט איינער מיטן צווייטן קאץ און מויז.

אן אומשולדיק שפיל אזא, כמו „שעפס און וואלף״,
ניטל שפילט דאס א רבי מיט א רביצין,
זיי, — די „קאץ און מויז״! — אלע טאג פון א גאנץ יאר;
עלעהיי קרעפלעך, מען עסט דאס נאר אין פורים,
און דא תשעה־באב: „ ,וועטער׳, קרעפלעך״! און גאר — מ׳טאר.

ועוד יש לישב בדוחק: אן ערשטער טשיף־ראביי
געמאכט, נעבעך, א ויברח מק״ק לאנדאן —
גאנץ יאר מיט שאלות־נשים ס׳זאל קומען ווער!...
נעמט מען טאקע איצט באלד אויף צוויי: די רביצינס
זאלן לויפן מיט א שאלה אהין און אהער.

צוריק געשמועסט, גאנצע קשיא קיין קשיא נישט —
א בפירושע משנה „שתים שהם אחת״!
ביי ביידע איז יידיש, מאמע־לשון, טריף...
בבחינת „פה להם ולא ידברו״...
לחיים, איין גלעזל י״ש פארן גאנצן „דזשואיש לייף״.

## מכוח קאסיגינס באזוך אין לאנדאן

אצינד בין איך נישט פארשנאשקעט,
פאליטיקע — מוז מען זיין זיכער:
האט ער דען נישט געשיקט פריער
א גלאוונעם רעדאקטאר, א דיכטער?

נישט געפאסט אונז, נישט געניגט אונז,
נישט געוואלט אים צומאל אויפנעמען:
„ווייס איך, א יידישער רעדאקטאר,
שטראם־גראם פון זשארגאן־פאעמען?

„וואס ווייסט אזויגס פון א מחזור,
פון מצה, א ,פרעיער־בוק׳־סידור?
געוועז כאטש ,פראוודא׳־רעדאקטאר,
צי געדיכטעט רוסישע לידער״.

און א קאזאק בלייבט א קאזאק:
„א חוצפה, מיינס א ייד פארשעמען!״
האט ער נישט געוואלט די „לידער״
פון „באארד אוו דעפיוטיס״ אויפנעמען.



און די יידישע פראבלעמען?
צי ברויך מען זיי אים ערשט דערציילן?
„ומלאכיו עושי דבריו״ — —
אויף פליגלען קומען זיי און איילן.

איין מלאך טוט נישט צוויי שליחות!
אין א וויכטיקן ענין — כ׳לעבן,
ר׳איז געקומען מ׳זאל די דייטשן
די ניוקליאר־קניידלעך נישט געבן.

אז די אדער־נייסע גרענעץ,
אז די וואנט אין בערלין זאל בלייבן,
און דאס אלץ דער נאצי־פרעמיער
אייגנהענטיק זאל אונטערשרייבן.

„וגם חרבונא זכור לטוב״,
קאמראד ווילי זיין פעטשאט לייגן!
איז א כוסה וואדקא גיסט אן
און דעם כבוד א קאפ פארבייגן:

נישט פאר א סטאלין, פאר א המן, —
פאר א העלדישן רויט־ארמייער,
וואס מיט זיין פויסט האלט ער דייטשלאנד
אויף א קייט א טאנצנדיקן בער.

## א בגוליפנדל צום יובל - יאר פון דער רעוואלוציע

(צום קאפיטל דיאלעקטיק: טעזע, אנטיטעזע, סינטעזע)

1

מילא, „עד דלא ידע״!
ווי מקיים זיין קענען,
„מתנות לאביונים״
ווען אלע גלייך זענען?

אלץ וועט זיין אקוראט,
און יעדע קשיא גלאט:
ס׳וואלט דער פראלעטאריאט
א קאפ י״ש נאר געהאט.

2

געבוירענער מארקסיסט
ס׳איז יעדער כינעז,
אין וויג שוין ער פלאפלט:
טעז־אנטיטעז־סינטעז.

דער גאנצענער שאכמאט
פונם כלל און פון פרט:
א טראפ י״ש נישט געשאדט,
אז דער מאגן איז זאט...

3

וואס איז דער אונטערשיד
צי איקאנא, צי ספינקס?
ס׳לעבן א פלאש וואדקא —
אויסגעשאסן און טרינקט!

א מאנגאל, אן אזיאט?
אן אייגענער, א יאט — —
גאנצע תורה, פסובראט:
ס׳פלעשל אוחז ביד.

## די דיפלאמאטיע - מאסקע

ווען גנבים קריגן זיך קומט ארויס די גניבה,
פאליטיקער צעווערטלען זיך — דער גאנצער שטינק;
עס איז די זעלביקע יענטע נאר אנדערש געשלייערט,
ווי ס׳קריסטלט זיך, יידלט זיך, ווי רעכטס, אזוי לינק.

דיפלאמאטיע מיינט זיך צו פארשטיין אויף א טשאד,
ווי אין א טונקל-ליקל — קורוועס אויפן ווינק;
דער חילוק — די ארבעטן מיט זשאמשענע הענטשקעס,
און די — אין אויסגעקראכענעם ביליקן מינק.

אלע זיבן יאר וועקסלט א שלאנג איר הויט,
א דיפלאמאט איבער נאכט פון דער מאסקע דעם שמינק;
איינס און צוויי און א כאלעווע געמאכט פון מויל,
געהיפט ווי געשפרינגען — אלע לאמע לויפן פלינק.

## שלח מנות

יידלעך, זיין פרוי און טאכטער

פארוואס פאלט פורים אויס ווען די לבנה פול איז?
מ׳זאל ס׳טעלערל פון הימל אראפנעמען קענען!
(דאס נעמלעכע פסח — מיט דער סדר־שיסל)
און אז מ׳האט נאר א שלח־מנות טעלער,
הונדערט שלח־מנותער א שפילכל זענען.

מען ברויך בלויז צו האבן א שטיקל פריינט וואו,
און ער זאל דיר א שלח־מנותל צושיקן —(—
און מ׳שיקט שוין אן אויפהער אהער און אהין,
יענעמס צו דעם, דעמס צו יענעם — ס׳האט דען א שיעור?
הונדערט שלח־מנותער? טויזנט ס׳קאן גליקן!

ווי די לבנה אויבן איבערן ערד־קיילעך,
גייט דער שלח־מנות טעלער חוזר־הלילה,
איבער דער גאנצער שטאט, וואו ס׳איז נאר א ייד דא.
און ס׳בלייבט נאך יתור א המן־טאש, א קרעפל —
וואלט ס׳טעלערל פון הימל נישט געווען, חלילה?...

### „ומשלוח מנות איש לרעהו" (מגילת אסתר ט, כ"ב)

פאר ח׳ נ.

1

קייגנאיבער אויפן דאך שטייט א טירטלטויב,
דורכן פענסטער קוקט זי צו מיר אין שטוב אריין,
און אויף מיין ווילגאטש־פענסטערער וואנט שפיגלט זיך
טאנצנדיק אריינגעקומענער זונען־שיין.



גלוסט זיך מיר דעם שטראל דיר אריבערצושיקן,
אזא פריילעכער געדאנק פאלט ראפטום מיר איין;
איז איר טאקע, די טויב קייגנאיבער אויף דאך,
דער סאמעראדנער שליח באשערט צו זיין.

און ווען דו וועסט זען די זון טאנצן אין דיין שפיגל
און דיין שטיבל פול ווערט מיט ערשטן זונען־שיין — — —
אדער אפשר גאר די טויב אויף דאך פון דיר איז,
מיט איר געשיקט די זון צו מיר אין שטוב אריין?

2

א שניי־גלעקל, ווייסינק און קליין,
פון טייענדיקער ערד ארויסגעשפראצט;
דאס קעפעלע קוים ארויסגעשטעקט,
טויט־דערשראקן די אויגעלעך אויסגעגלאצט.

די ערב־פרילינג זון עס דערזעט!
ס׳קעפעלע פאר גרויס פרייד זיך אים פארדרייט;
ס׳שלאנקע שטענגל שכורלעך וואקלט:
וויאזוי דעם כוח דערצו? קוים ס׳פארשטייט.

שטייט עס די אייגעלעך געשלאסן,
פארחלומט־פארחלשט, ס׳קעפעלע הענגט —
דערזען אין דער הייך די פרילינג־זון
און זיך צוריק צו דער ערד טיף פארבענקט...

## דער בעכער...

„אסתר מן התורה מנין"?

א מתנה לעסלי בער׳ן

קארג געטרונקן וויין פון די קאפריסן־קעלטערס,
נישט איינמאל מיט באקכוסן אליין א בעכער,
אבער קיינמאל ווי איצט, טרונקנדיק מיטן טויט,
איז זי, די ליבשאפט, געווען אזוי זעכער.

איבער מיין גליאיק פנים די זון — דער פעכער.
איך פיל, איך פלי צום ציל אלץ העכער און העכער,

אלט ווערט דאס לעבן, דעם גוף באפאלט די זקנה,
דער שענסטער יינגלינג ווערט גרוי און מוז שטארבן,
בלויז דער טויט בלייבט אייביק יינג — אין דער מאמעס שויס
בליט ער תמיד אויף אין וווּנדערלעכסטע פארבן.

אויס אלע ספקות אין מיינע שטערן קארבן,
אין האנט גילדענער בעכער — מיין שיידל־שארבן.

ארום די תלמידים, די פריינט, טויט־דערשראקן,
קוקן אויף אים מיט ליידיקע אויגן־לעכער — —
ניין, פריינט, מיינע ליבע, איך וועל נישט אנטלויפן,
ווי ס׳טוט אנטלויפן א פחדן, א פארברעכער.

אז יעדער פייגלינג, אין רוקן מעסער־שטעכער,
מיר נאכפייפן מיט די פויגל אויף די דעכער.

יעדער פלאץ אין אטן אויפגעשוימט א בעכער,
א פולער מיט וויין איבערצוגיין מיט ווערטער.
נישט נאר די מענטשן, מיך ארומגערינגלטע,
גאנצער ארום א שטילער, א צוגעהערטער —

— — — — — — — — — — — — — — —

שטיל, גסיסה־שוימאויף ליפ שוין, כוס אויסגעלערטער,
זיין טויטן־מאסקע — געדאנק אייביק פארקלערטער.

## די מעשה פון קראקעווער שכור

אלע יאר פורים צו דער גרויסער סעודה,
פלעגט ר׳אברהמעלע, דער סאכאטשעווער,
דערציילן די מעשה פון קראקווער שכור:
ער האט זיך, נעבעך, צוגעכאפט צום פלעשל,
פאר מורא ר׳וועט ווערן א כופר־בעיקר.

מילא, פינסטערט ער א גאנץ יאר אין פאליש,
מיט א קופע צעפליקטע שיימעס צוקאפנס — —
אבער „א גאנץ יאר שכור, פורים ניכטער״!
נבלט ער דעמלט על ד׳ ועל משיחו,
אויף די גלייכע בית־מדרש ווענט קריכט ער.

מיר אבער וויסן ברור, „עד דלא ידע״:
וויפל דער מענטש מיינט, אז ער ווייסט שוין אלצדינג,
הייבט ער נאך בכלל גארנישט אן צו וויסן...
על כן, וועלן מיר יוצא זיין מיט „לחיים״
און דער רביצינס המן־טאשן פארביסן.

דערנאך, כדרכו, טיף אין א שמועס פארקראכן,
פון „מגלה טפח ומכסה טפחיים״:
מכוח קניזש און קרעפל — רזין דרזין!
ביז צוקומענדיק צום סוד פון „יש־מאין״:
וואס ווייסט דער מענטש? וואס הייסט מ׳זאל פון זיך בלאזן?



## א פורים - באלאדע

(צו דער הונדערטסטער יארצייט פון תפארת שלמה)

דעם „תפארת שלמהס״ א תורה צו הערן,
זיינס א הלצה, א המצאה, א טשעפ,
זיינען טויזנטער חסידים אנגעקומען,
געשטאנען ארום זיינס א טיש קעפ אויף קעפ.

א כהן ער איז דאך געווען, אויף זיין שטערן
געלויכטן ווי ביים כהן־גדול דער ציץ;
ס׳איז געווען „שכינה מדברת מתוך גרונו״
פארשטעלט אין א הלצה און אין א וויץ.

פון ארום און ארום, פון שטעט און שטעטלעך,
צופוס און מיט אקס מ׳האט זיך אהער דערשלעפט;
די פרייד, די שמחת־מצווה, די דבקות־חדוה,
מיט פולע עמערס מען האט זי דאך געשעפט.

אבער אז ס׳זיינען געקומען די ימי־פורים,
דעם הויף ארומגענומען א ווילדע שרעק;
געיאגט פון זיך דעם עולם ביים „שלום״ נעמען,
ווי מען יאגט זלידנע פליגן פון זיך אוועק.

שנעל די מגילה, בהעלם אחד, אפגעזאגט,
מער געגראגערט, המן געקלאפט, ווי געליינט;
ביים „ליהודים היתה אורה ושמחה״,
די מרה־שחורה פון אים ארויסגעוויינט.

מען האט געמוזט זען ראדאמסק אין א פורים־טאג,
א גאנצע שטאט שלח־מנותער צום הויף טראגט!
גאנצע קוישן ווייבען, מעד, גאנשעלס אקעוויט,
רק פון רבינס יחוד־שטוב — דער פחד יאגט.

אין הוילער שרעק די נאכט פאלט צו — סעודת־פורים!
די מקורבים אויסגעזעצט שוין ארום טיש — —
דער רבי פארגייט אין טייכן־טיפע טרערן,
און זיי ציטערן — אינם וואסער די פיש:

„יום כפורים! אז יום־כפור איז אזוי גרויס
ווי פורים, ווי גרויס ערשט מוז דאס פורים זיין!
,להשמיד ולהרוג ולאבד׳ ״ — ס׳בית־מדרש
אויפגעציטערט פון זיין יללה־געוויין:

„און וואס איז דאס נס געווען — ,ונהפוך הוא׳
די האר שטעלן זיך אויף, א מצווה, נא ליין:
,והאחשתרנים יצאו דחופים׳,
נישט זיי — נאר מיר גאר זאלן די מערדער זיין!

„רבונו־של־עולם, מוחל אזעלכע נסים,
בני אברהם יצחק ויעקוב זענען מיר!
,מנער ועד זקן וטף׳ איידער א פרעמדס
צו קוילן — מיין קינד צו דער עקדה כ׳פיר.

„א משתה ושמחה גאר אויף אונזערע קעפ —
רוצחים נאך א שחיטה כאפן זיך צום טרינק!
פאר חרפה כ׳שעם מיך דעם קאפ אויפצוהייבן,
פאר בושה טיף אין שאול־תחתית איך פארזינק" —

א יעלה־ניגון, א כבקרת־וואלאכל
הינטן טיף אין דער טונקלנישביים עק טיש,
יאמערט דער בלינדער חזקאל „שושנת יעקב",
דרייט דערשראקן מיט די בעלמעס ווי א פיש.

ער שנאפט, ער שנאפט און א טרערן־פארסלינעטער,
די נשמה מיטן הארץ ארויס ער ציט,
און דער „תפארת שלמה" מיט דער פויסט אין טיש:
„מרדכי היהודי, א ייד, א ייד" —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען נישט, מקיים צו זיין דעם „עד דלא ידע", —
י"ש געשעפט פון גאנשעלס מיט מעשענער שעפ! —
עס וואלט דער גאנצער עולם אויסגעגאנגען פון צער,
געבליבן פארגליווערט אזוי קעפ אויף קעפ.

י. ריכטיגער

## פורים פאלקלאר
### וועגן תורה מן השמים

צווישן דעם פורים פאלקלאר, וואס איז פארצייכענט אין די תלמודים און מדרשים, געפינט זיך די מערקווערדיקע פראגע — צי עס איז פאראן א רמז אין תורת משה פון די דריי מגילה פיגורן המן, אסתר און מרדכי? די קשיא האט מען געפרעגט צו רב מתנה אין דער בבלשער שטאדט „נהר פפונא". ווי עס ווייזט זיך ארויס האט די שטאדט געהאט בארומטע רבנים, רב אחא בר יעקב און רב מתנה, וואס זענען געווען אויטאריטעטן אין דערקלערן שווערע הלכות צו די חכמי התלמוד פון בבל און ספעציעל אנצווייזן דעם מקור פון יעדע הלכה אין תורת משה. (בבא קמא נ"ד) די יידן פון פפונא זענען געווען



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

בני תורה מיט א קריטישן ארומקוק, האבן זיי אויסגעלאכט דרשה זאגערס און אפילו חוזק געמאכט פון זייערע אייגענע רבנים, ווי מען זעט דאס פון די ווייטער ציטירטע מעשהלעך.

רב מתנה האט דעם ערשטן שבת הגדול, נאכן אויפגענומען ווערן אלץ ראש בית דין אין פפונא, געדרשנט וועגן די דינים פון פסח און אין שייכות דערמיט האט ער געזאגט אין העברעיש — „אין לשון אלא במים שלנו" — וואס דער טייטש איז — מען זאל ניט קנעטן דאס טייג פאר מצות, נאר מיט וואסער איבערגענעכטיקט אין שטוב. אבער אזוי ווי דער טערמין „שלנו" איז אויך טייטש „פון אונז", האבן די פפונאער זיך געמאכט תמהוואטע און די גאנצע קהלה איז צומארגענס געקומען אנגעלאדן מיט אלערליי כלים צום הויז פון רב מתנה, אז ער זאל זיי געבן וואסער צו קנעטן די מצות. (ספר יוחסין „רב מתנה מפפונא").

ווען מען האט געליינט די סדרה „כי תצא" און רב מתנה האט געדרשנט וועגן דער מצוה פון „שילוח הקן", אז מען געפינט ערגיץ אן עוף זיצן אין דער נעסט אויף אייער. אדער אויסגעבריעטע עופלעך, טאר מען ניט צונעמען די אייער אדער עופלעך ביז מען האט אוועק געטריבן די מוטער פון דער נעסט. אבער ווען ער האט געבראכט פסוקים כדי צו באווייזן אז עס איז קיין אונטער־שיד צי די נעסט געפינט זיך אויף א בוים, אויף דער ערד, אויפן ים אדער אויפן הימל, האבן די פפונאער אים געפרעגט — אז מען געפינט א נעסט אויפן קאפ פון א מענטש, צי מוז מען אויך פארטרייבן די מוטער?

און ווען רב מתנה האט אין פורים אנגעוויזן, אז מען דארף ליינען די מגילה, פון דעם פסוק אין תורת משה — „כי מי גוי גדול... בכל קראנו אליו" — וועלכעס פאלק איז אזוי דערהויבן, וואס די אלמעכטיקייט איז אזוי נאענט צו אים ווי גאט אונזער אלמעכטיקער, ווען נאר מיר רופן צו אים? (דברים ד׳, מגילה י"א) האבן די פפונאער געפרעגט „המן מן התורה מנין" — ווו האט די תורה פארויסגעזאגט אז המן וועט אויפגעהאנגען ווערן? האט רב מתנה געענטפערט — ווען דער „אלמעכטיקער האט געפרעגט צו אדם הראשון — „המן העץ" — צי האסטו געגעסן פון דעם בוים וואס איך האב דיר פארבאטן צו עסן, האט ער מרמז געווען אז „המן העץ" — המן וועט ווערן אויפגעהאנגען. האבן זיי אים ווייטער געפרעגט — „אסתר מן התורה מנין" — ווו האט תורת משה פארויסגעזאגט אז מיר וועלן האבן אן אסתר? האט ער געענטפערט — איידער משה איז געשטארבן האט דער אלמעכטיקער געזאגט צו אים, ווען זיי וועלן זינדיקן וועט קומען אויף זיי גרויסע צרות „ואנכי הסתר אסתיר" — און פארבארגן וועל איך פארבארגן מיין פנים פון זיי, וואס איז א רמז אז אין דער צייט פון אסתר וועט דער אלמעכטיקער פארבארגן זיין פנים. האבן זיי אים ווידער געפרעגט — „מרדכי מן התורה מנין" — ווו האט תורה משה פארויס־געזאגט אז מרדכי וועט אונז אויסלייזן פון דער צרה און ווערן פרעמיער מיניסטער פון פרס ומדי? האט ער זיי געענטפערט — „מר דרור", וואס תרגום אונקלוס איבערזעצט — „מירא דכיא", דאס איז געווען א פארפום, און דער

ערשטער פון די פארשידנע בשמים, וואס תורת משה האט באפוילן אריין צו טוען אין „שמן המשחה“ — אייל צו זאלבן די כהנים, איז א רמז אויף מרדכי הצדיק.

זעענדיק אז רב מתנה האט געפונען, די דריי הויפט פיגורן — און דעם געשיכטלעכן תמצית פון מגילת אסתר, פארויסגעזאגט אין תורת משה, האבן די פפונאער אים געפרעגט א פאראדאקסאלע קשיא — „משה מן התורה מניין“ — ווו האט תורת משה פארויסגעזאגט אז מיר וועלן האבן א משה? אין פלוג איז די קשיא אן אומפארשטענדלעכע, משה האט דאך געגעבן די תורה און צענדליקע מאל ווערט זיין נאמען דערמאנט אין איר? אבער אזוי ווי רב מתנה האלט, אז ניט אליין זענען אלע הלכות, וואס מען האט פארפאסט ביז איצט געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, נאר אזוי ווי די איינצעלהייטן פון מגילת אסתר געפונען זיך אין תורת משה, אזוי געפינען זיך אלע אנדערע געשעענישן פארויס פארצייכענט אין תורת משה, דארף דאך משה׳ס דערשיינען אויף דער וועלט ערגעץ אויך זיין פארצייכענט אין תורת משה איידער ער איז געבוירן געווארן? האט רב מתנה געענטפערט — עס איז טאקע פארצייכענט — „בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה“ — דער טערמין „בשגם“ באטרעפט דריי הונדערט פינפאונפירציק אזוי ווי משה, און זאגט פארויס אז עס וועט קומען א משה, וואס וועט זיין קערפערלעך און נאר לעבן הונדערט צוואנציק יאר. (חולין קל״ט)

דער פורים פאלקלאר פון פפונא איז אין אמתן אן אפקלאנג פון דער אומאייניקייט צווישן די יידישע דענקער וועגן „תורה מן השמים“, אויף וואס מען האט ביז איצט נאך ניט געפונען קיין פשרה און מען וועט קיינמאל ניט געפינען, ווי מען זעט דאס פון דער מחלוקה וועגן „תורה מן השמים“ וואס גייט־אן צווישן די רבנים אין ענגלאנד עטלעכע יאר. פארשטייט זיך יעדער ייד קאן איבערזעצן די דריי העברעישע ווערטער אין יידיש אדער אין ענגליש און מיינט, אז ער ווייס איבער וואס מען קריגט זיך. פאקטיש זענען די ווערטער נאר אן אנצייג וועגן וואס פאר אן ענין עס האנדעלט זיך, און דער עיקר איז, די דערקלערונג פון דער אידיי וואס די ווערטער דריקן אויס, דאס הייסט: די הויפט זאך איז די דערקלערונג ווי אזוי מען האט באקומען די תורה פון הימל און וועלכע טיילן פון איר? אבער די מעשה איז, וואס דווקא וועגן די דערקלערונג פון דער אידיי געפינט זיך ניט קיין פעסטגעשטעלטער שטאנדפונקט — קיין הלכה למשה מסיני אדער קיין תורה מן השמים — ווייל די חכמי התלמוד זענען ניט געקומען צו א הסכם וועגן די דערקלערונג פון דער אידיי.

קודם כל, כדי צו באגרייפן די קאמפליקאציעס, דארף מען צוערשט פעסטשטעלן — צי לויט דער יידישער טראדיציע קאן א מענטש זען דעם אלמעכטיקן אדער ניט? אין תורת משה געפינט מען, ווען משה האט געפרעגט דעם אלמעכטיקן — „הראני נא את כבדך“ — ווייז מיר, איך בעט דיך, דיין ערע אדער דיין פראכט. האט אים דער אלמעכטיקער געענטפערט — „לא תוכל לראת את פני כי לא יראני האדם וחי“ — קענסט ניט זען מיין פנים, ווייל



דער מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן. (שמות ל״ג) און משה האט די בני ישראל געווארענט, זיי זאלן ניט מאכן קיין בילדער פון אלמעכטיקן, „כי לא ראיתם כל תמונה“ — ווייל איר האט ניט געזען קיין געשטאלט אויפן בארג סיני, (דברים ד׳) אבער תורת משה זאגט אויך — „ויראו את אלהי ישראל“ — אז משה, אהרן און זיבעציק פון די עלטסטע זענען ארויף געגאנגען אויפן בארג סיני און געזען דעם אלמעכטיקן פון ישראל. (שמות כ״ד) און דורות דערנאך האט אויך דער נביא ישעיה באהויפטעט — „כי את המלך ד׳ צבאות ראו עיני“ — דעם קעניג גאט פון צבאות האבן געזען מיינע אויגן. (ישעי׳ ו׳)

די מפרשים פון תלמוד טראכטן צו פארענטפערן די סתירה אין תורת משה מיט אינטער פרעטירן דעם מאמר אין דער גמרא — „המתרגם פסוק כצורתו“ אויף דעם פסוק אין תורת משה — ויראו את אלהי ישראל“. זיי דערקלערן אז רב יהודה זאל האבן געזאגט — דער וואס איבערזעצט דעם פסוק ווערטערלעך, „זיי האבן געזען דעם אלמעכטיקן פון ישראל“, איז א ליגנער, ווייל לויט תורת משה קאן ניט א מענטש זען דעם אלמעכטיקן און לעבן. ווידער דער, וואס באהויפטעט — „זיי האבן געזען מלאכים פון אלמעכטיקן“ איז א לעסטערער, ווייל „אלהי ישראל“ — זאגט — דער אלמעכטיקער פון ישראל ניט עפעס אנדערש, נאר מען מוז אויסטייטשן אזוי ווי דער תרגום אונקלוס האט איבערגעזעצט — „וחזו ית יקר אלהא דישראל“ — זיי האבן געזען די ערע אדער פראכט פון אלמעכטיקן, (שמות כ״ד, קידושין מ״ט־תוספות און הערוך „תרגם“) ניט אים זעלבסט.

אבער די אינטערפרעטאציע שאפט א דילעמע, ווייל תרגום אונקלוס איבערזעצט אויך דעם פסוק „הראני נא את כבדך“ מיט „אחזיני כען ית יקרך“ — ווייז מיר, איך בעט דיך, דיין ערע אדער פראכט, און, אויף דעם טאקע איז געווען דער ענטפער — „ניט זען קאן מיך א מענטש און בלייבן לעבן“, וואס איז אן אבסאלוטער באווייז אז לויט דעם תרגום אונקלוס זענען ביידע „אלהים“ און „כבדך“ גאט זעלבסט, און אזוי ווי מען קאן ניט זאגן, אז מען האט געזען דעם אלמעכטיקן, אזוי קאן מען ניט זאגן, אז מען האט געזען זיין ערע אדער פראכט. מען מוז דעריבער אננעמען, אלץ איינציקן תירוץ, דעם אויספיר וואס געפינט זיך אין דער גמרא גופא, — „כל הנביאים: די וויזיע פון אלע נביאים איז געווען אזוי ווי מען קוקט אין א פארשמירטן שפיגל, האט זיך זיי געדאכט אז זיי זען דעם אלמעכטיקן, און משה רבינו׳ס וויזיע איז געווען אזוי ווי מען קוקט אין א ריינעם שפיגל, האט ער געוווסט אז מען זעט ניט דעם אלמעכטיקן. (יבמות מ״ט)

איצט נאך דער פעסטשטעלונג, אז לויט תורת משה האט קיינער ניט געזען דעם אלמעכטיקן און מען קאן אים ניט זען, איז ניט קיין שום מעגלעכקייט צו באווייזן — צי די מענטשלעכע אטריבוטן, וואס תורת משה האט צוגעשריבן צום מהות פון אלמעכטיקן זענען געמיינט פיגוראטיוו אדער ווערטערלעך. דער רמב״ם דרינגט ארויס פון דעם פסוק — „כי לא ראיתם כל תמונה“

— איר האט ניט געזען קיין שום געשטאלט פון אלמעכטיקן אויפן בארג סיני, אז ניט אליין טאר מען ניט מאכן קיין שום אפבילדונג פון אלמעכטיקן, נאר מען מוז אויך גלייבן, אז די מענטשלעכע אטריבוטן צוגעשריבן אין תורת משה צום אלמעכטיקן זענען פיגוראטיוו, ניט אין דער ווירקלעכקייט. למשל דאס תורת משה זאגט — „כתובים באצבע אלהים" — די לוחות זענען געשריבן מיט דעם פינגער פון אלמעכטיקן, (שמות ל"א) — „כמתאננים רע באזני ד' " — דאס פאלק האט זיך באקלאגט אויף שלעכט אין די אויערן פון גאט, (במדבר י"א) — „עיני ד' אלהיך בה" — די אויגן פון גאט זענען אויף דעם לאנד פון אנהייב ביזן סוף יאר, (דברים י"א) און דעטגלייכן, דריקן־אויס איבערנאטירלעכע געשעענישן וואס מיר מענטשן האבן ניט קיין אנדערע ווערטער צו באשרייבן זיי. (רמב"ם הלכות יסודי התורה פ"א ה"ח און ט')

דעריבער האט דער רמב"ם געפסקנט להלכה, אז „האומר שיש שם רבון אחד אבל הוא גוף ובעל תמונה" — אפילו איינער זאגט, דארט איז איין האר, איין איינציקער אלמעכטיקער, נאר ער איז קערפערלעך און געשטאלטלעך, ווערט ער אנגערופן א מין — א געצנדינער. דאס וויל זאגן — אפילו איינער גלייבט אז יעדעס ווארט און אות פון דער תורה האט מען מקבל געווען פון הימל, נאר ער באהויפטעט אז די געשעעניש האט ווירקלעך פאסירט אזוי ווי זי איז באשריבן אין תורת משה, — „ויתן אל משה... שני לוחות העדת לוחות אבן כתובים באצבע אלהים" — גאט האט געגעבן צו משה צוויי לוחות פון געזעץ, שטיינערנע לוחות געשריבן מיט דעם פינגער פון אלמעכטיקן, ווערט דער, וואס באהויפטעט דאס, אנגערופן א מין — א געצנדינער.

אבער דער ראב"ד האט דעם רמב"ם אפגעוואנדן מיט די ווייטער ציטירטע שארפע ווערטער. — „ולמה קרא לזה מין וכמה גדולים וטובים ממנו הלכו בזו המחשבה לפי מה שראו במקראות ויותר ממה שראו בדברי האגדות המשבשות את הדעת" — פארוואס האט דער רמב"ם אנגערופן מין — געצנדינער, די וואס גלייבן אז די אטריבוטן צוגעשריבן אין תורת משה צום אלמעכטיקן זענען געמיינט ווערטערלעך, ווען גרעסערע און בעסערע פון אים האבן געטראכט און געזען אז עס איז מער אמת אין דער ווערטערלעכער איבערזעצונג פון תורת משה, ווי אין די אגדהשע רייד וואס פארדרייען דעם פארשטאנד? דאס הייסט: כאטש מען קאן ניט זען דעם אלמעכטיקן און קיינער האט ניט געזען א געשטאלט אויפן בארג סיני, זענען, לויט דעם ראב"ד, די וואס גלייבן אז גאט איז קערפערלעך, און ער האט אין דער ווירקלעכקייט געגעבן צו משה רבינו צוויי שטיינערנע לוחות געשריבן מיט זיין פינגער, ניט ווייניקער ערלעכע יידן ווי די וואס גלייבן אז אן אבסטראקטער גאט האט אינספּירירט משה רבינו אנצושרייבן די לוחות. (רמב"ם הלכות תשובה פ"ג ה' ז)

דערפון איז קלאר צו זען די ערשטע קאמפליקאציע וועגן דער אידיי — „תורה מן השמים" — דער זעלבער גלייביקער אין תורה מן השמים וואס דער רמב"ם האט אנגערופן מין: געצנדינער, איז לויט דעם ראב"ד אן ערלעכער ייד. די צווייטע קאמפליקאציע, ווידער, קומט פון די חילוקי דעות צווישן די



חכמי התלמוד אין דערקלערן דעם מאמר פון דער משנה — „האומר אין תורה מן השמים" — דער וואס זאגט אז די תורה איז ניט פון הימל פארלירט זיין חלק לעולם הבא. (סנהדרין פ"י מ"א) די רבנן האבן אנגעוויזן אז דער מאמר ווערט ארויסגעדרינגען פון דעם פסוק אין דער תורה — „כי את דבר ד' בזה" — דאס ווארט פון גאט האט ער פאראכט און זיין געבאט צעשטערט, פארשניטן וועט פארשניטן ווערן זיין לעבן. (במדבר ט"ו) אבער די טאפּעלטע קאנדיציע פון פארברעך באטאנט אין דעם פסוק — „דאס ווארט פון גאט האט ער פאראכט", וואס מען קאן אויסטייטשן — אז בלויז איינער זאגט די תורה איז ניט פון הימל, „און זיין געבאט צעשטערט", וואס זעט אויס — אז נאר ווען איינער טוט עפעס א גרויסע עבירה, האט געגעבן די מיסטיקער און די ראציאנאליסטן פון תלמוד דעם באווייז פאר זייער קאנטראסטישע שיטות.

רבי שמעון בן יוחי, דער מיסטיקער, באהויפטעט — אפילו איינער גלייבט אז די גאנצע תורה האט מען מקבל געווען פון הימל, אויסער איין פסוק אדער איין אות — „שלא אמרו הקב"ה אלא משה מפי עצמו" — האט ניט גאט געזאגט, נאר משה זעלבסט האט דאס בייגעגעבן, פארלירט ער עולם הבא. רבי יהושע בן לוי, א נאכפאלגער פון דער שיטה, פרעטענדירט נאך מער — „אפילו מה שתלמיד וותיק עתיד להורות כבר נאמר למשה בסיני" — אפילו דאס וואס א שארפזיניקער תלמיד וועט אין דער צוקונפט פסקנען איז שוין פריער געזאגט געווארן צו משה פון סיני. (ירושלמי פאה פ"ב ה"ו) און רבי ישמעאל, דער ראציאנאליסט, באהויפטעט — אז אליין נאר דער וואס שמדט זיך: ווערט אקטועל א געצנדינער, איז א כופר בתורה מן השמים און פארלירט עולם הבא, ווייל האט פאראכט דעם „אנכי ד' אלהיך... לא יהיה לך אלהים אחרים", ער האט צעשטערט מיט זיין דינען עבודה זרה דעם איינציקן דבור פון די עשרת הדברות וואס דאס פאלק ישראל האט געהערט „מפי הגבורה" — פון סיני. (ספרי במדבר פיסקא קי"ב, הקדמה לזהר, סנהדרין צ"ט, הוריות ח')

די צווייטע קאמפליקאציע, צי מען זאל אננעמען די מיינונג פון רבי שמעון בן יוחי אז איינער גלייבט — אפילו נאר איין אות האט משה זעלבסט בייגעגעבן — איז ער א כופר בתורה־מן השמים, אדער די מיינונג פון רבי ישמעאל אז אליין נאר א משומד: א געצנדינער איז א כופר בתורה מן השמים, ווערט נאך מער פארוויקעלט דורכן פסק הלכה פון די מפרשים. רבינו יצחק אלפסי — הרי"ף טראכט צו באווייזן פון א פלוגתא צווישן רבי ישמעאל און רבי שמעון בן יוחי וועגן חוב פון לערנען תורה, אז די הלכה איז ניט ווי רבי ישמעאל האלט וועגן „תורה מן השמים". רבי ישמעאל דערקלערט — דאס וואס יהושע האט געזאגט צום פאלק ישראל „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך" — ניט אויפהערן זאלסטו לערנען טאג און נאכט די ספר תורה, (יהושע א') דארף מען ניט נעמען ווערטערלעך, ווייל תורת משה זעלבסט ווארענט דאס פאלק ישראל „ואספת דגנך", וואס וויל זאגן — דו זאלסט אקערן, זייען, שניידן, פארזאמלען דיין תבואה און ווען דו וועסט צייט האבן זאלסטו לערנען.

האט רבי שמעון בן יוחי געפרעגט — אז א מענטש וועט פארברענגען די

צייט אין פעלד און אין גארטן וואס וועט ווערן פון דער תורה? זיי מיינונג איז דעריבער, אז מען מוז מקיים זיין דעם „לא ימיש“ פון יהושע ווערטערלעך — לערנען טאג און נאכט און — „מלכתן נעשית על ידי אחרים“ — וועלן אנדערע טוען די פעלד ארבעט: די גוים וועלן זיי פארזארגן מיט שפייז. אבער אביי פירט־אויס „הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידן כרבי שמעון בן יוחי ולא עלתה בידן“ — אז אין משך פון די הונדערט פופציק יאר זינט דער פלוגתא, האבן א סך געטוען אזוי ווי רבי ישמעאל און מצליח געווען, און די וואס האבן געפאלגט רבי שמעון בן יוחי האבן ניט מצליח געווען. דעריבער האט רבא געפסקנט אזוי ווי רבי ישמעאל און באפוילן אפילו די תלמידים פון זיין ישיבה, אז אין ניסן און אין תשרי, ווען מען דארף האבן ארבעטער אין די פעלדער און גערטנער, זאלן זיי ניט קומען לערנען, נאר העלפן מיט דער פארזארגונג פון שפייז פארן קומענדיקן יאר. (ברכות ל״ה)

אויסער דעם האט רבי שמעון בן יוחי שפעטער געענצלעך חוזר געווען פון זיין מיסטישע שיטה, ווי מען זעט דאס בפירוש פון זיין קאנטראסטישע אויסטײשונג דעם בני האלהים“ אין זהר און אין מדרש. (זהר בראשית „ויראו בני האלהים“ און בראשית רבה פכ״ו־ח׳) און ער זעלבסט האט באפוילן מען זאל פסקנען אזוי ווי רבי ישמעאל — ערשט פארזארגן זיך מיט שפייז און לערנען ווען מען האט צייט, וואס איז צו זען פון דער ציטירטער אגדה. די גמרא דערציילט? ווען רבי שמעון בן יוחי און זיין זון רבי אלעזר זענען, נאכן באהאלטן זיך פון די רוימער צוועלף יאר אין א הייל, א היים געקומען און געזען די פויערים אקערן און זייען האבן זיי געשאלטן, ווייל די פויערים לערנען ניט תורה, וואס איז אייביקער לעבן, נאר באשעפטיקן זיך מיט שפייז פארזארג, וואס איז מאמענטאלער לעבן. האט זיך געהערט א בת קול — זאגנדיק צו זיי — איר זייט ארויסגעקומען חרב מאכן די וועלט? גייט צוריק אין אייער באהעלטעניש, האבן זיי זיך אומגעקערט צו דער הייל.

אבער די פויערים, וואס האבן פריער זיי פארזארגט מיט עסן — געשמוגעלט געטרוקנטע פרוכטן צו דער הייל, זענען ניט מער געווען להוט איינצושטעלן זייער לעבן כדי צו שפייזן די וואס האבן זיי פארשאלטן. אפזיצנדיק דארט צוועלף חדשים האט רבי שמעון בן יוחי איינגעזען אז מען קאן זיך ניט פארלאזן אויף „מלכתן נעשית על ידי אחרים“ און א הונגעריקער געטראכט — ווי לאנג נאך מוז איך דא בלייבן, אז אפילו רשעים משפט מען נאר צוועלף חדשים אין גיהנם? איז געקומען א בת קול — איצט מעגט איר שוין פארלאזן די הייל. ווען זיי זענען ווידער אהיים געגאנגען האט ער זיין זון ניט מער געלאזט שעלטן די פויערים, וואס האבן געארבעט אין די פעלדער און גערטנער, זאגנדיק צו אים — „בני די לעולם אני ואתה“ — מיין זון די וועלט האט גענוג אז איך און דו וועלן לערנען טאג און נאכט. (שבת ל״ג)

און אויב די דערציילונג איז ניט גענוג, געפינט זיך אויך אין דער גמרא אז נאכן א היים קומען איז ער געווארן נאך ראציאנעלער ווי רבי ישמעאל. — רבי שמעון בן יוחי האט שפעטער געפסקנט — „אפילו לא קרא אדם אלא



קרית שמע קיים „לא ימיש“ — אפילו דער מענטש וואס לייענט נאר קרית שמע אין דער פרי און אין אוונט איז ער שוין מקיים דעם באפעל פון „לא ימיש“, להיפוך פון דעם וואס ער האט פריער געזאגט — אז דער „לא ימיש“ לייגט ארויף א חוב אויף יעדן ייד, צו לערנען טאג און נאכט. (ברכות ל״ה) טא פארוואס זאגט דער רי״ף אז די הלכה וועגן תורה לערנען איז ניט אזוי ווי רבי ישמעאל האלט, און דרינגט דערפון ארויס אז אויך וועגן „תורה מן השמים“ דארפן מען ניט פסקנען אזוי ווי רבי ישמעאל, ווען מען זעט בפירוש אז רבי שמעון בן יוחי האט זעלבסט געפסקנט ווי רבי ישמעאל? הרי״ף סנהדרין צ״ט)

נאך שווערער צו פארשטיין איז דעם רמב״ם, דער רמב״ם פסקנט להלכה אזוי ווי די מיסטיקער — „האומר שאין התורה מעם ד׳ אפילו פסוק אחד, אפילו תיבה אחת, אם אמר משה מפי עצמו אמרו הרי זה כופרבתורה“ — אז איינער זאגט די תורה איז ניט פון גאט, אפילו איין פסוק אדער אייןווארט, נאר משה זעלבסט האט עס בייגעגעבן, איז ער א פארלייקנער פון דער תורה. (רמב״ם הלכות תשובה פ״ג הלכה ח׳) אבער דער פסק הלכה פון רמב״ם איז אין סתירה מיט א צווייטן פסק הלכה פון רמב״ם, וואס שטיצט זיך אויף אן אנדערן מאמר אין דער גמרא אז „משה מפי עצמו אמרן“ — משה זעלסט האט בייגעגעבן דעם טייל פון דער תורה.

די משנה זאגט — „אין מפסיקין בקללות“ — מען זאל ניט פארטיילן די תוכחה אין צוויי עליות, נאר מען זאל אויפרופן איינעם, און אנהייבן מיט א פסוק פאר דער תוכחה און ענדיקן מיט א פסוק נאך דער תוכחה, ווייל מען טאר ניט מאכן א ברכה אויף פורעניות. דערקלערט אביי, אז די משנה זאגט דאס נאר אויף די קללות פון ספר ויקרא, ווייל די קללות זענען — „מפי הגבורה“ — געזאגט פון אלמעכטיקן. ווי מען זעט דאס פון דעם לשון אין צווייטער פערזאן — „והפקדתי עליכם בהלה“ — איך וועל אנזעצן אויף אייך א צעטומלונג און אזוי ווייטער, (ויקרא כ״ו) וואס איז אומפארמיידלעך, ווייל די רייד פון אלמעכטיקן ווערן מקוים. אבער די קללות פון ספר דברים — „משה מפי עצמו אמרן“ האט משה זעלבסט בייגעגעבן, ווי מען זעט דאס פון דעם לשון אין דריטער פערזאן — „וישלח ד׳ בך המארה“ — אנשיקן וועט גאט אויף דיר א פארשעלטונג און אזוי ווייטער, (דברים כ״ח) וואס זענען פארמיידלעך, ווייל זיי קומען פון משה, ניט פון אלמעכטיקן.

מחמת דעם, וואס אביי האט אנגעוויזן אז די תוכחה פון ספר דברים — „משה מפי עצמו אמרן“ — איז געווארן בייגעגעבן פון סשה זעלבסט, האט אביי געפסקנט להלכה אז מען מעג די תוכחה פארטיילן אין צוויי עליות, (מגילה ל״א) און דער רמב״ם האט אנגענומען דעם פסק הלכה פון אביי, אז מען מעג אויפרופן צוויי מענטשן צום לייענען די תוכחה פון ספר דברים. אבער צו פסקנען אזוי ווי אביי, וועגן די עליות צו דער תוחכה פון ספר דברים, מוז דער רמב״ם אויך אננעמען די דערקלערונג פון אביי, אז די קללות פון ספר דברים — „משה מפי עצמו אמרן“ — האט משה זעלבסט בייגעגעבן. (רמב״ם הלכות תפלה פי״ג הלכה ז׳) איז דאך דער פסק הלכה פון רמב״ם אין קאנטראדיקציע מיט זיין

אנדערן פסק הלכה — „אם אמר משה מפי עצמו אמרו הדי זה כופר בתורה“ — אויב מען זאגט אז משה האט עפעס זעלבסט בייגעגעבן איז מען א פארלייקנער פון דער תורה?

דערפון איז קלאר צו זען אז אנשטאט אויפצופלאנטערן די קאמפליקאציעס האבן די מפרשים, אין זייער אייפער צו פארהיטן די הייליקע ספרים פון יעדע קריטישע אפשאצונג, זיך זעלבסט פארוויקעלט אין סתירות... אין אמתן „אלו ואלו דברי אלהים חיים הן“ — זענען ביידע שיטות בלומען פון דער יידישער אומשטערבלעכער קולטור. (עירובין י״ג) סאי די מיסטיקער, וואס גלייבן — אפילו דאס וואס א שארפזיניקער תלמיד וועט אמאל פסקנען איז שוין געווארן פארויסגעזאגט צו משה אויפן בארג סיני, און סאי די ראציאנאליסטן, וואס גלייבן — אז נאר דער ערשטער דבור — „אנכי ד׳ אלהיך... לא יהיה לך אלהים אחרים“ איז אינספירירט געווארן פון בארג סיני, זענען ערלעכע יידן. דערייבער איז יעדער קאנפליקט, וועגן די דערקלערונג פון דער אידיי — „תורה מן השמים“, א „מחלוקה לשם שנאת חנם“, סאידן אין פורים. ווען מען איז זיך משמח בעת דער סעודה פון פורים און עס פארגלוסט זיך א פורים רב צו האבן א וויכוח וועגן דעם ענין איז ער דערצו בארעכטיקט, ווייל די פפונאער יידן האבן דעם ענין אריינגעבראכט אין פורימדיקן פאלקלאר.

יוסף לעפטוויטש

## כותל מערבי

איר האט געטרונקן צופיל ווייַן,
איר זענט שכור געווארן,
אז איר וועט אויפשטיין פון שלאף
וועט אייער חלום גיין פארלארן.

דאס קליינע לאנד ישראל,
האט א גרויסן חלום געהאט,
גרויס ווי די וועלט,
ווי דאס ווארט פון גאט.

ווען איך בין דאס ערשטע מאל געקומען,
איז געווען גרעסער דאס לאנד.
איך בין צום כתל מערבי געגאנגען,
און געדאוונט מיט יידן באנאנד.

איצט איז דא א יידישע מדינה,
אבער א ייד טאר צום כתל ניט גיין.
אונזער לאנד איז קלענער געווארן.
אונזער לאנד איז היינט קליין.



משה בעקערמאן

## דער גורל פון א פליג

כאטש דאס האט פאסירט מיט עטלעכע יאר צוריק, איז מיר אבער פארבליבן אין זכרון סאי דער טאג סאי די שעה, ווען איך בין באגאנגען דעם מארד! מעגלעך, ווען עס וואלט געווען א ברוטאלע רציחה, א מארד צוליב נקמה אדער גאר בעת א רויבעריי און קיין חשד וואלט אויף מיר נישט געפאלן, וואלט איך פרובירט פארטרייבן אט די פאסירונג פון מיין זכרון.

אבער נישט נקמה, נישט רויבעריי און אפילו נישט אייפערזוכט האט געהאט עפעס צו טון מיטן דאזיקן מארד. צו באגיין אט די טאט בין איך געקומען מיט א גרינג הארץ, מיט א ריין געוויסן, אין זינען האבנדיק, אז עס וועט גריילעך זיי לטובת דעם קרבן גופא...

אחוץ מנוחה האב איך דערפון נישט געהאט וואס צו געווינען.

אפשר ווען די נעבעכדיקע פליג וואלט נישט געווען אזוי אפגעשוואכט, אזוי דערשלאגן און וואלט באוויזן אוועקצופליען איידער נאך זי האט זיך דערשלעפט צו די קרישקעס זיסיקייט, וואלט איך אין איר לחלוטין פארגעסן פונקט ווי אין אלע אנדערע פליגן, וואס פלעגן מיך באזוכן יעדן טאג אין דער מיטאג־שעה. נאר מסתמא איז עס שוין געווען אזוי באשערט, אז גראד איך זאל זיין איר מלאך־המות. האב איך דאך מיט דער אייגענער האנט דערשטיקט איר לעצטן אטעם!

ניין, איך זוך נישט מיך רעכטצופערטיקן. איך וויל נאר זאגן, אז ביי דער לעצטער באגעגעניש אונזערער איז זי אליין שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

בטבע, ווי איר קוקט מיך אן, האב איך א ווייך הארץ צו פליגן, בכלל, און צו שוואכע פליגן, בפרט. וואס שייך אט די דאזיקע פליג, האט זי ביי מיר דערוועקט א באזונדער געפיל פון רחמנות, מחמת זי איז געווען אזא אומבאהאלפענע, שוואכע בריאה. האף איך דעריבער, אז זי איז אוועק פון אונזער זינדיקער וועלט נישט מיט קיין פארביטערט הארץ אויף מיר. מיין כוונה, נאך אלעם, איז דאך געווען זי צו באפרייען פון אלע אירעליידן. איך האב מיך דאך נישט געווארפן אויף איר ווי א האלב־משוגענער, נאר ווי א לאגיש־אויסגערעכנטער מענטש מיט בארמהערציקייט...

יא, איך בין ביי מיר גאנץ זיכער, אז נישט אלע פליגן זענען זוכה אומצוקומען מיט אט אזא טויט.

די ערשטע באקאנטשאפט מיט איר האב איך געמאכט פיר און צוואנציק שעה פריער. זי האט געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט אויף זיך דערמיט וואס איר לינקער פליגל איז געווען אביסל פארבויגן ארויפצוצו. איך, וואס אן אמת, האב געמיינט, אז דורך א פליגן־שטיפעריי איז דאס געשעען... אבער ניין, עס איז גאר געווען א פועל־יוצא פון חברן זיך מיט לאבוזעס, וואס האבן, ווי מען זאגט, איר „אנגעדרייט אן אויער“. אחוץ דעם איז זי געווען א גאנץ זשוואווע פליג.

די יונגיטשקע פליגן, דערהערנדיק אירע פעסטע טריט, זענען אנטלאפן

וואו דער שווארצער פעפער וואקסט . . . נעלם געווארן ביזן היינטיקן טאג. איך אליין האב דעם גאסט ארויסגעוויזן די בעסטע גאסטפריינטלעכקייט, מאכנדיק זיך כלא־ידע אויף אירע שריט צו מיין עק טיש צו און געבנדיק איר „א פרייע האנט" איבער דער זיסיקייט.

פיר און צוואנציק שעה שפעטער — אין טאג פון מיין אוועקפארן — זיץ איך מיר אזוי ביים טיש און ווארט אויף מיינע געסט, נאר מען הערט נישט און מען זעט נישט. ס'איז מיר געווארן אביסל קאלעמוטנע אויפן הארץ, איך האב מיך געפילט ווי פארלאזן. איך הויב אן קוקן אויף די ווענט, אויפן סופיט, אין ערגעץ נישטא קיין סימן פון א פליג; אפילו די פליג מיטן פארבויגענעם פליגל איז אויך נישט בנמצא. מילא, טראכט איך מיר, מסתמא איז עס מיר באשערט צו פירן טיש ביחידות פאר מיין אפפארן. אבער וואס מיר האט פאר־דראסן איז געווען די זיסיקייט, די נאך־שפייז, וואס איך האב צוגעגרייט אלס א מין באנקעט פאר די געסט מיינע. וואס דען, האב איך מיר געטראכט, איך וועל גיין און באהאנדלען מיינע פליגן ווי מען באהאנדלט פליגן אין פראנצויזישע הייזער? לאזט מען דען דארטן צו פליגן צו א טיש מיט זיסיקייטן!

אין פראנקרייך זענען חברה קליינווארג באוואפנט מיט אזעלכע ממזרישע לאפאטקעס, מיט וועלכע זיי האקן איבער די קעפ פון די פליגן אן רחמנות. איר האט דען א השגה וויפל פון אט די שרצים עס באגייען ליבערשט זעלבסט־מארד, אריינוווארפנדיק זיך אין טעלער קאכעדיקע גרינע זופ (א פאפולער מאכל), כדי אויסצומיידן א טויט אונטער די קינדערישע גיליאטינעס?

ווי פון הימל אראפ, האט זיך די נעטיקע פליג פלוצלינג באוויזן. ווען נישט איר פארבויגענער פליגל, אסור צי איך וואלט זי דערקענט: זי האט זיך אינגאנצן געענדערט, פארעלטערט געווארן, איינגעשרומפן. אנשטאט גיין מיט פעסטע, זיכערע טריט, האט זי זיך לאנגזאם געוואקלט צוצוקומען צו מיין עק טיש. מיט די לעצטע כוחות האט זי זיך געשלעפט, אפשטעלנדיק זיך כסדר אפצוכאפן דעם אטעם. א טראגישן איינדרוק האט זי געמאכט אויף מיר. נישט שוין זשע האט זי א גאנצן מעת־לעת נישט געהאט קיין ברעקל אין מויל?

איך פערזענלעך, וואס אן אמת, בין נישט קיין צו גרויסער פליגן־מומחה, דאך בין איך געווען זיכער, אז אירע שעהן זענען געציילטע; אז אט אט גייט זי אויס פון הונגער; און אזא טויט ווינטש איך נישט אפילו די זלידנעסטע פליגן אין דער וועלט.

אויפן ארט האב איך געמאכט א דראסטישן באשלוס: זעענדיק, אז אין משך פון פאריקן מעת־לעת האט די פליג אדורכגעמאכט א שווער, ביטער לעבן, זאל זי כאטש האבן א גרינגן, זיסן טויט!

בעת אט די פליג האט וואקלענדיק זיך דערנענטערט צו מיין עק טיש האב איך געמאכט דעם פלאן פון דער עקזעקוציע. איך האב אנגענומען א סטראטעגישע פאזיציע הינטער איר און ווי נאר זי האט אנגעהויבן לעקן די קרישקעס פון דער זיסיקייט, האב איך זי, די פליג הייסט עס, באשאטן מיט א



לעפל דינעם צוקער.

א טויטע שטילקייט האט נאכגעפאלגט מיין טאט . . .

מיט א שווער געמיט, אבער מיט א ריין, רואיק געוויסן האב איך מיך גענומען פאקן אין וועג אריין.

## שמואל וועהייט

### אין הוילער באוואונדערונג

אין הוילער באוואונדערונג
זע איך די פראכט,
וואס שפיגעלט זיך אין דער בלום,
יעדע פעטלע, יעדער קנאספ,
יעדע דורכגעפלאכטענע,
אדערדיק בלעטעלע, באזוימט
מיט געצוקטע שפיצעלעך.
זיי דערציילען מיר דיין גרויסקייט:
דער פארעם־נויאנס, דער פארפיום,
דער דופט, אנטפלעקן מיר דעם סוד
פון דיין מייסטער האפט שאפען
שטיי איך אין הוילער ענטציקונג,
באזועלט מיט קדושה,
פיל איך מיך געגרויסט,
אז איך בין אויך א קליינער טייל
פון דיין גלארייך גרויסען שאפן.

## יוסף ד. באסט

### א וידוי אין וואגאן

(דערציילונג)

איך קאן ניט אנטשיידן צי האב איך גוט געטאן אפהאלטנדיג זיך אין דער לעצטער מינוט פון ארויסווייזן מיטלייד דעם פארצווייפלטן בעל־תשובה. איך קאן נאר פעסטשטעלן אז כ'האב עס געטאן ספאנטאן, אן דער הסכמה און אפילו קעגן דעם ווילן פון מיין באוווסטזיין.

דאס איז געווען אין הארבסט אין צווייטן יאר פון דייטש — סאוויעטישן קריג, בעת מיין רייזע פון גארקי קיין טאנשאיעווא. איך האב זיך געפונען אין א שטימונג וואס האט אין גאנצן ניט אנטשפרעכט דער ראל פון אן אנפארט־רויטן. שוין אנדערהאלבן יאר בין איך געווען אן א סטאבילן פאסטן און האב זיך געווארפן פון איין ארבעט צו דער צווייטער. קיין טאנשאיעווא בין איך געפארן לויט א קאמאנדיראווקע כדי צו העלפן אין די ארבעטן פון קאלראד. איך האב געהאפט א היים צו ברענגען פון דארט א ביסל שפייז אויף ווינטער פאר מיר און פאר מיין 70־יעריקער מוטער.

דער צוג איז געווען ניט געהייצט און, צוליב זיכערהייטס טעמים, אויך ניט באלויכטן. איך בין געזיצן איינגעקארטשעט אין א ווינקלביים פענצטער, פארוקט די הענט אין די ארבל פון דער אפגעריבענער פופייקע און ארויסגעקוקט אויף די פעלדער וואס האבן זיך געצויגן אין א מאנאטאנער שורה זינקענדיג אין בין השמשות. אין קופעע איז אויסער מיר קיינער ניט געווען.

א שארפער בלאז פון ווינד האט מיך געצוווּנגען אויסצודרייען דעם קאפּ. אין דער אפענער טיר פון קארידאר איז געשטאנען א באבערדיקטער מאן אין א גרויען מאנטל און א „שקאפּיק" אויפן קאפּ, מיט אן רוקזאק אין דער האנד; ער האט מיך א ווײַלע וואכזאם באטראכט. דערנאך איז ער אריין נאכשלעפּנדיג עטוואס דעם רעכטן פוס, פארוקט הינטער זיך די טיר, אוועקגעלייגט דעם באגאזש אויף דער פאליצע און זיך אוועקגעזעצט אויף דער באנק אנטקעגנ־איבער מיר.

ניט געקוקט אויף זיין פארוואקסן געזיכט, האט ער אויסגעזען נאך זייער יונג, פון א יאר עטליכע און צוואנציק. ער איז געווען א דיקליכער, העלבלאנדער, פון מיטעלן וווּקס. זיינע גרינליכע אויגן האבן פארמאגט יענע שארפקייט פון בלוק וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר די אנגעהעריקע צום פוילישן פאלק. אט דעם אפשטאם זיינעם האט באשטעטיקט די אייגנארטיקע רוסישע אויסשפראך אין וועלכער ער האט זיך צו מיר געווענדט:

— ענטשולדיקט, איר זענט א ייד, אמת? זייט מיר מוחל די חוצפה — האט ער צוגעגעבן נאך א מינוט פון אומזיסט ווארטן אויף אן ענטווער. — אויף אזא געלעגנהייט — צו געפינען זיך אין צווייען מיט א פרעמדן ייד אין קופּעע — ווארט איך שוין עטליכע יאר. איך וועל אייך מודה זיין אז איידער כ׳בין אריינגעקומען האב איך אייך אבסערווירט דורכן גלאז פון דער טיר...

ער האט איבערגעריסן אויף עטליכע מינוט, אזוי ווי ס׳וואלט אים שווער אנגעקומען ארויסצוקריגן פון זיך די דערקלערונג וועלכע ער האט געוואלט מאכן.

— איר פארשטייט... — האט ער ענדליך מיט א געוואקלטן קול געזאגט — שוין זייט עטליכע יאר טראג איך אין זיך א געוויסן — ווי זאל איך דאס אנרופן? — פּראבלעם פון וועלכן איך וויל זיך באפרייען און זוך מיטלען דאס צו טאן. און העלפן אין דעם (ווי מאדנע עס זאל ניט קלינגען) קאן מיר נאר א ייד. כ׳האב אבער מורא... — ער האט ווידער איבערגעריסן, מיך שנעל ארומגענומען מיט זיין שארפן בליק. מיין ארעם אויסזען און דער באטריבטער אויסדרוק פון מיין פנים האבן אים, ווייזט אויס, ניט צוגעגעבן קיין מוט פאר מיר זיך מתוודה צו זיין. — כ׳האב מורא אז כ׳האב שלעכט געטראפן — האט ער ארויסגעמורמלט. — נו גוט. איך וועל אייך ניט אנווארפן מיין געזעלשאפט. אויב איר פארלאנגט דאס, גיי איך באלד ארויס.

כ׳וועל ניט לייקענען, אז ס׳איז געווען א מאמענט ווען ס׳האט זיך מיר באמת געוואלט אים בעטן ער זאל מיך לאזן אליין. כ׳האב זיך אבער ניט דערלויבט נאכצוגעבן אט דעם עגאיסטישן פארלאנג, פילנדיג אז איך האב פאר זיך



א לײַדענדן מענטשן וועלכער זוכט מיין הילף.

— יא — האב איך געענטפערט אויף פויליש, — איך בין א ייד. וואס קאן איך טאן פאר אייך?

ער האט זיך אנזעעוודיק דערפרייט; אין זיין שטים האט א קלונג געטאן דערלייכטערונג.

— מיך אויסהערן! — האט ער אויסגערופן אנבויגנדיג זיך האסטיק צו מיר מיט אן אויסדרוק פון ליידנשאפטליכן באגער. — אויסהערן און פארשטיין! זעט איר — ער האט ארויסגענומען פון טאש א שאכטל מאכארקע און עס פאר מיר געעפנט; ווען איך האב זיך אפגעזאגט פונעם כיבוד, האט ער געמאכט פאר זיך אליין א סיגארעטל און פארויכערט — זעט איר, צוויי גרויסע מעלות פארמאגט איר פאר מיר: ערשטנס, איר זענט מיר פרעמד און נאך אט דער רייזע וועלן מיר זיך ווארשיינליך קיינמאל מער ניט טרעפן. צווייטנס, איר זענט א ייד.

— איך פיל א דרינגענד באדערפעניש זיך מתנצל צו זיין; זיך מתנצל זיין פאר יענץ יידיש מיידל וועלכע כ׳האב באוולט אדער, בעסער געזאגט, שיר דאס ניט געטאן. איך וואלט געוואלט איר געבן צו פארשטיין, אז כ׳האב ניט בדעה געהאט צו באגיין לגבי איר קיין געמיינהייט, אז כ׳האב געהאט א טעות... זי איז אבער ניטא. ניט קאנענדיג זיך פארענטווערן פאר איר, וויל איך עס טאן פאר א פרעמדן ייד. מיין פארלאנג איז איר זאלט מיך אויסהערן, מיר גלויבן און... מיר מוחל זיין פאר אייער אומבאקאנטער שוועסטער.

ס׳איז שנעל געווארן פינצטער. דאס איז די אייגנשאפט פון יענער צפונדיקער געגנט, אז די נאכט קומט אן פלוצלונג, אזוי ווי אנפאלנדיג אויפן גוססדיקן טאג און צורייבנדיג די רעשט פון זיין שיין. דער סילועט פון מיין מיטפארער איז פארזונקען אין חשכות און ס׳איז נאר פארבליבן דער רויטער גלי פון זיין סיגארעטל, דער דושנער גערוך פון געסמאליעטער מאכארקע און זיין שטים וואס האט זיך געטראגן אין באגלייט פון ריטמישן רעדער — געקלאפּ.

— כדי איר זאלט קאנען גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון מיין פארזיכערונג אז אין מיין האנדלונג לגבי דעם שוחטס טאכטער (וועלכע איך האב געטראפן אויפן לובלינער שאסיי ווען מיר זענען אנטלאפן פאר די דייטשן) איז געווען ניט קיין בייז־ווויליקייט נאר א טעות, מוז איך אנפאנגען מיין געשיכטע פון יענער צייט ווען איך בין געווען א שילער פון זיבעטן קלאס גימנאזיע. דאס איז געווען אין א שטעטל הינטער ווארשע. דאס איז געווען אן ארט מיט א באדייטנדעם פראצענט פון יידישער באפעלקערונג, אין דער גימנאזיע האבן דעריבער געלערנט אויך יידישע קינדער. ס׳רוב פון זיי האבן געהאט רייכע עלטערן, ס׳זענען אבער אויך געווען אומפארמעגליכע וועלכע זענען באפרייט געווען פונעם הויכן אפצאל אלס קינדער פון שטאט — באאמטע. איינער פון זיי איז געווען דער פרימוס פון אונדזער קלאס, העניעק וואלמאן.

— ער איז געווען קליין און שוואך דערנערט, אבער פארביסן און שטאלץ און פלעגט זיך ווארפן שלאגן מיט פיל שטארקערע פון אים. אלס גלענצנדער

שילער האט ער פארמאגט צווישן אונדז א געוויסן „אימוניטעט״: מ׳האט אויסגעמיטן סכסוכים מיט אים וויל מ׳האט אפט געמוזט צו אים אנקומען ער זאל העלפן אין די לעקציעס. ער פלעגט זיך אבער אריינמישן ווען מ׳האט גערודפט אנדערע יידישע יינגלעך. פארשטייט זיך אז די דורך אים אנגעגריפענע פלעגן אים שנעל בייקומען; א באזיגטן, האט מען אים אבער גלייך אפגעלאזט. נאך אזא פארמעסט האט ער אויף אונדז קיינמאל קיין כעס ניט געטראגן. ס׳איז אים, ווייזט אויס, נאר געגאנגען אין ארויסווייזן זיין נאציאנאלן שטאלץ.

ס׳איז געווען די צייט נאך דער באפעסטיקונג פון היטלערס מאכט אין דייטשלאנד וואס האט, ווי באוווסט, באדייטנד פארשטארקט דעם פוילישן אנטיסעמיטיזם. אויך מיר גימנאזיע — שילער זענען געווען אן אביעקט פון אויפהעצערישער פראפאגאנדע. א געוויסער פאלאנסקי — סטודענט פון אוניווערסיטעט און אקטיווער מיטגליד פון דער ענדעקישער פארטיי — האט געגרינדעט אין אונדזער שטאט א שולערישן קאמפקרייז צו וועלכן איך האב זיך אנגעשלאסן. מיט מיר אלס דעם זון פון אנגעזעענסטן בירגער פון שטאט (מיין פאטער איז געווען פארוואלטער פון די מלוכה׳שע וועלדער) האט זיך דער פאליטישער דערציער ספעציעל פארנומען.

די מיטטיילונג וועגן וואלמאנס אנגרייפערישקייט האט ביי אונדזער מענטאר ארויסגערופן צארן. ער האט אונדז געגעבן צו פארשטיין אז דעם קליינעם׳ס „דרייסקייט״ איז א געפעלשטע: „ערשטנס ווייסט ער אז איר שאנעוועט אים פאר זיין אויסצייכענען זיך אין די לימודים; און צווייטנס האט ער שוין לאנג באנומען מיט זיין יידיש קעפעלע אז אייך אימפאנירט זיין ארויסגעוויזענע „ערע״ און ער קאן דעריבער זיין רויק מיט זיינע ביינער. זיין אויפפירונג איז אבער שעדליך פון פאליטישן שטאנד־פונקט. מיר טעהגען דאך אז יידן זענען פחדנים, און דא געפינט זיך א זשידעק א שוואכלינג וועלכער האט כלומרשט פאר קיינעם ניט קיין מורא. מען דארף אים דעמאסקירן, אנפלעקן זיין איינגעבארענע שרעקעוודיקייט כדי זיינע ברידער זאל זיך א מאל ניט פארגלוסטן אראפנעמען א ביישפיל פון אט דעם „העלד״... אזוי האט געפרעדיקט הער פאלאנסקי, און מיר זיינע שילער האבן געדארפט צוטראכטן א פלאן ווי צו דערפילן זיין רצון.

מיר האבן זיך בארעטן און אויסגעפירט פאלגענדעס. איינער פון אונדזער קרייז האט געהאלטן ביים פארבלייבן אין דער זעלבער קלאס אויף נאך א יאר. פון דער צווייטער זייט האבן מיר געוווסט אז וואלמאן וועט, ווי יעדעס יאר, פארענדיקן מיט אן אויסצייכנונג. נאכן צעטייל פון די צייגנישן, וועלכע האבן באשטעטיקט אונדזערע השערות, זענען מיר עטלעכע פארבליבן אין שול און אונטער א תרוץ פארהאלטן אויך דעם „פרימוס״. דער פארבליבענער אויפן צווייטן יאר האט, ווי זייענדיג צוליב דעם פארביטערט, ווערטליך אנגעגריפן וואלמאנען אלס ייד. אים האט מען ניט געדארפט לאנג פראוואצירן, ער האט זיך גלייך געווארפן שלאגן. מיר האבן זיך אבער אריינגעמישט און געפסקנט, אז דער געשלעג דארף פארקומען ניט אין קלאס צווישן די בענק, נאר אין



וועלדל הינטער דער שטאט, קעגן אוונט ווען דאס ארט איז פוסט. אין דער באשטימטער שעה האבן מיר זיך געטראפן זאלבע פיר: העניעק וואלמאן, זיין קעגנער, נאך איין מיטגליד פון אונדזער קרייז און איך. איך אלס דער מיוחס האב געזאלט זיין דער ריכטער פונם דועל און דעריבער האט מען פאר מיר געבראכט א שטול. אין דער אמתן, ווי איר וועט באלד הערן, האט מען די שטול באדארפט פאר וואלמאנען...

גלייך נאכדעם ווי דער געשלעג האט זיך אנגעהויבן, איז וואלמאנ׳ס קעגנער אפגעשפרונגען אין א זייט. „ער האט מיר געגעבן א קאפ אין בויך!״ —

האט ער געשריען, קארטשענדיג זיך פון געמאכטן ווייטיק. איך בין אויפגעשפרונגען פון דער שטול. „דאס איז אומערהערט — האב איך אויסגערופן. — דאס האט געזאלט זיין א מענערליכער געשלעג אויף פויסטן, ניט קיין נידערטרעכטיק קאפען אין בויך. דערפאר קומען פעטש. נעמט אים!״

מיר האבן אים זאלבע דריט צוגעשלעפט צו דער שטול און מיט געוואלד אויף איר אנידערגעזעצט. דאס וואס מיר האבן אויסגעפירט, איז געווען געמוסטערט לויט א פילם וואס איז דאמאלט געגאנגען אויף די עקראנען. ער האט באוויזן ווי אזוי פאריזער גאנגסטערס דערליידיקן צווישן זיך זייערע חשבונות: דער דעליקווענט זיצט מיט די פיס ארונטערגעדרייט און צוגעפעסטיקט דורך איינעם פון די באשטראפערס צו די פיסלעך פון שטול, דער צווייטער האלט צו זיינע הענט ארונטערגעדרייט הינטערן שטולווענטל, און דער דריטער פאטשט.

„צען פעטש!״ — האב איך געפסקנט און אנגעהויבן ציילן. ווען איך האב געענדיקט און מיר האבן אים פריי געלאזט, האט ער זיך, ווי דאס איז געווען פארצווזען, געווארפן אויף מיר. מיר האבן אים אין דרייען שנעל געמאכט אומבאוועגליך און ווידער אוועקגעזעצט אויף דער שטול. „נאך צען פעטש!״ — האב איך אויסגערופן און באלד טאקע אויסגעפירט דעם אורטייל. ווי נאר אבער מיר האבן אים באפרייט, האט ער זיך ווידער אויף מיר געווארפן. אזוי האט עס זיך איבערגעחזרט א מאל נאך א מאל. די זאך האט זיך אנגעהויבן פארציען. דער געשלאגענער האט, אנשטאט זיך אונטערגעבן, נאך יעדער סעריע פעטש פון דאס ניי מיך אנגעגריפן. מיט געשוואלענע באקן, מיט א ריטשקע בלוט פון דער צעקלאפטער נאז, עטעמענדיג אלץ שווערער, איז ער דאך ניט אפגעשטאנען.

איך האב דערפילט א מידקייט; אויך די חברים האבן הויך געסאפעט, וויל ביים צוהאלטן אים אויף דער שטול האט ער זיך אן אויפהער געווארפן, צווינגענדיג זיי אנצושטרענגען די קרעפטן. כ׳בין אריינגעפאלן אין גרימצארן געמישט מיט פארצווייפלונג. מיר האבן דאך געמוזט אים באזיגן, צווונגען אויפצוגעבן זיין שטאלץ! אויב ניט דערגרייכן אט דעם ציל, טא צו וואס האט גענוצט די גאנצע פראוואקאציע? ער האט אונדזער כוונה, ווייזט אויס, פארשטאנען און טאקע דערפאר ניט אויפגעהערט זיך ראנגלען. ס׳איז געווארן טונקל. א דערשעפטער, וואקלענדיג זיך אויף די פיס, מיט פארלאפענע, ניט

זעענדיקע אויגן, קוים פעיק אנצורירן מיך מיט א האנד, האט ער זי דאך, יעדעס מאל ווען מען האט אים באפרייט, אומדערמידליך קעגן מיר געהויבן. זיין אנגריף איז געווען שוין נאר א סימבאלישער, אבער ער האט אים ניט אויפגעגעבן, יעדעס מאל פון דאס ניי געגאנגען אין קאמף, שטאלץ, פארביסן, ניט באזיגט.

א סוף זאל דאס נעמען! מ׳האט אים נאך א מאל צוגעשמידט צו דער שטול און איך האב ווידער אנגעהויבן שלאגן. כ׳האב שוין מער אים ניט געפאטשט. א צעיושעטער, פארשוויצטער, מיט א פארשוימט מויל האב איך געהאקט מיט די פויסטן, די ראיה האט זיך מיר פארנעפלט, איך האב פארגעסן ווו איך געפון זיך און נאר געהאקט, געהאקט, געהאקט, געהאקט... „געגוג, וועסט אים דערהרגענען!“ — איז צו מיר דערגאנגען, ווי פון זעהר ווייט, דער אויסגעשריי פון מיינע חברים. זיי האבן אפגעלאזט דעם קרבן און מיך אפגעריסן פון אים. כ׳האב זיך ווי אויפגעכאפט פון שלאף. וואלמאן, באשיינט דורכן ליכט פון דער לבנה, איז האלב געזיצן, האלב געליגן אויף דער שטול, העגענדיק מיט די צעשפרייטע עלנבויגנס אויפן אנשפאר, מיטן קאפ פארזונקען אין דער איינגעפאלענער ברוסט. צי לעבט ער נאך? מיר האבן זיך איבערגעקוקט און, דערשראקענע, אנטלאפן פון וועלדל, איבערלאזנדיג אים איינעם אליין.

מיר האבן זיך צו מארגנס דערוווסט, אז ער לעבט. די זאך איז דערגאנגען צום געריכט, מען האט זי אבער פארווישט. דאס איז געווען צוויי יאר פאר דער מלחמה; ניט איין ייד איז דאמאלט אויף א רוצחישן אופן אומגעבראכט געווארן אין היטלעריזירענדן פוילן און די פארברעכער זענען פארבליבן אומבאשטראפט.

וואלמאן איז לאנגע וואכן אפגעליגן אין שפיטאל. אין אכטן קלאס האט ער שוין צוזאמען מיט אונדז ניט געלערנט. ער האט זיך צוגעגרייט און געענדיקט די מיטלשיל אלס עקסטערניסט.

אויך איך האב דעם פאל איבערגעקרענקט, געליגן אייניקע טעג אין פיבער. די פארשטעלונג פון פארבלוטיקטן יינגל מיט די צעשפרייטע הענט און דעם פארזונקענעם קאפ האט זיך געביטן אין מיין דמיון מיטן הייליקן בילד פון יעזיסן אויפן קרייץ. ווען איך בין אויפגעשטאנען פון בעט, האט מיך באזוכט הער פאלאנסקי. אלע זענען ארויס פון צימער און ער האט פארפירט מיט מיר א לאנגן שמועס.

ער האט מיר גראטולירט פאר דער אנטשלאסנקייט מיט וועלכער איך האב אויסגעפירט דעם באפעל פון דער ארגאניזאציע און גלייכצייטיק אויסגעדרוקט מיטגעפיל צוליב מיינע מאראלישע ליידן. ער האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז פוילן, פונקט ווי אנדערע וואכזאמע לענדער, מוזן קעמפן קעגן יידנטום וואס באדראט די וועלט. ענצעלנע יידן קאנען זיין אפילו אנשטענדיקע מענטשן; מעגליך אז אט דער וואלמאן איז אזא יוצא מן הכלל. דאס פארמונערט אבער ניט דעם געפאר מצד אט דאס פאלק אלס א גאנצעס. יידן — האט ער געטעהנעט — האלטנדיג זיך פאר אויסדערוויילטע פון גאט, שטרעבן צו פארשקלאפן די מענטשהייט. ער האט דערביי אויסגערעכנט א ריי מיר באוווסטע און נאך ניט



באוווסטע עברות זייערע. אין זיינע ווערטער איז געווען א סך מיסטיציזם. ער האט מודה געווען אז ניט אלע באשילדיקונגען קעגן יידן לאזן זיך דערוויזן אויף א ראציאנעלן אופן, די וועלט פארמאגט אבער אן אינסטינקטיווע איבערצייגונג אז זיי זענען גערעכטע. און אויף מיין איבערגעטריבן נעמען זיך צום הארצן דעם פאל מיטן צעשלאגענעם וואלמאנען — האט ער פארענדיקט — איז פארהאן אן עצה: ארויסקלאפן דעם קלין מיט א צווייטן קלין.

דעם פשט פון אט דעם שפרוך האבן מיר די חברים אויסגעטייטשט מיט צוויי וואכן שפעטער: כדי צו צעשטרייטן מיין מרה שחורה האב איך געדארפט אויספירן א נייעם אקט פון קאמף קעגן יידן. די נייע אויפגאבע, כאטש ניט אזוי אכזריותדיק ווי די פריערע, האט זיך אויסגעצייכנט מיט באזונדערער העסליכקייט. אויף דער הויפטגאס פון שטאט, די שענסטע, אממייסטן באבלומטע, וואס האט געפירט צום קאסציאל, האט געוווינט א יידישע משפחה ראזנצווייג. זיי האבן געהאט א גרויס שניט־געוועלב, א פרעכטיקע וווינונג, און האבן זיך געהאלטן ווי גלייכע צווישן קריסטן. זומער פלעגן זיי עסן אוונדברויט ביי אפענע פענצטער אויפן פארטער, און די דורכגייער האבן געזען און געשפירט די פיינע מאכלים. „אט צו דער יידישער חוצפה — האבן מיר די חברים איבערגעגעבן הער פאלאנסקיס ווערטער — מוז געמאכט ווערן א סוף. מען דארף זיי אנשפייען אין טעלער“. דאס איז, איבעריקנס, ניט געווען קיין טעמע פאר א דיסקוסיע, נאר א באפעל. און איך האב אים אויסגעפילט.

דער דערציילער איז אנטשוויגן געווארן. נאך א פאר מינוט דויערנדן איבעררייס האט ער שטיל געפרעגט:

— איר הערט מיך? אדער אפשר זענט איר איינגעשלאפן?

— איך שלאף ניט.

פויזע.

— צי זאל איך דערציילן ווייטער?“ — האט זיך ווידער דערהערט זיין שטילע, עטוואס ציטעריקע שטים.

אין קופע איז געווען אזוי פינצטער, אז מ׳האט אפילו ניט ארויסגעזען קיין שפור פון קיין געשטאלט. כ׳האב פלוצלונג באקומען א מאדנעם איינדרוק אז איך פאר אליין און עס באגלייט מיך נאר דער קול פון א ניט עגזיסטירנדיקן מענטשן.

— דערציילט — האב איך געענטווערט — אויב איר ווילט...

— א, איך פארשטיי! כ׳פארשטיי אייערע געפילן, חשובער צוהערער, אומבאקאנטער ייד! איך פארשטיי וואס איר, א פוילישער ייד, לעבט איבער הערנדיג אזא געשיכטע. יא, איר זענט גערעכט, גערעכט מיט אלץ וואס איר טראכט איצט וועגן מיר. נאר איין זאך מוזט איך מודה זיין: כ׳האב זיך אין מיין דערציילונג ניט באמיט צו פאר — מינערן מיין שולד. איך ווייס אז ס׳איז ניט פארהאן פאר איר קיין פארגעבונג און אז מיינע געוויסנסביסע זענען ניט קיין גענוגענדע שטראף. איך וואלט גרייט געווען אויפצונעמען א געהעריקע, געריכטליכע שטראף, נאך מער: איך באגער אזא שטראף, זי וואלט מיר לייכ-

טער געמאכט דאס לעבן. איבעריקנס, איך האב אייך דאך נאר דערציילט וועגן צוויי פון מיינע נידערט רעכטיקע אויפטועו. נאך זיי האבן געפאלגט א ריי אנדערע, לויטן פרינציפ „ארויסקלאפן איין קלין מיט דער הילף פון א צווייטן". איין שווינערייט האט נאכגעיאגט די אנדערע כדי ארויסצושטויסן פון געוויסן דעם נאגנדיקן אומרו, פארטעמפן די עמפינדליכקייט. דאס האט געדויערט ביז יענעם טאג, ווען כ׳האב זיך מיט א מאל אויפגעוועקט פון מיין גייסטיקן לעטארג און דערזען די מאראלישע זומפ אין וועלכער איך בין געזונקען. איך האב זיך, לויט מיין איבערצייגונג, ארויסבאקומען פון אט דער זומפ. ליידער אבער איז עס געשען ניט א דאנק מיין אייגענער אינערלעכער קראפט נאר צוליב גאר א זייטיקע סיבה — א מורא׳דיקן קלאפ וועלכן ס׳האט באקומען מיין משפחה און וועלכער האט אויפגעטרייסלט אונדזער גאנצע ביז איצטיקע עגזיסטענץ.

אט וואס עס איז געשען. ווי געזאגט, איז מיין פאטער געווען פארוואלטער פון מלוכה׳שע וועלדער. ער איז א מאל געווען א פשוטער ארבעטער און האט זיך, דורך פלונקן מאנעווירן צווישן פארטייען און פראקציעס, ארויסגעשלאגן פון דער שורה, ביז ער האט דערגרייכט צו זיין הויכן פאסטן. זיין איינציקע אמביציע — די טרייבקראפט פון דער גאנצער טעטיקייט זיינער — איז געצילט געווען צו מאכן א קאריערע, געמיינט דורך דעם: עולם־הזה׳דיקער געניס. היות ווי דער שיינער געהאלט האט דאך ניט געסטייעט אויף א הונטערשטאטיש פאלאצל, אויף צו פארברענגען אין פאריזער לוקסוס־האטעלן ווי אויך אויף זומערוווינונג אויף דער ריוויערע, האט ער זיך שטופנווייז ארייגעצויגן אין פינאנסיעלע מאכינאציעס; זיי האבן פון אנפאנג זיך געגרענצט מיטן געזעץ און דערנאך אים טאקע איבערגעטראטן.

פארשטייט זיך אז די דאזיקע טריפה געשעפטן האט ער געפירט ניט אליין נאר אין פארבונדונג מיט אנדערע הויך געשטעלטע פערזענליכקייטן. די וויכטיקסטע פון זיי איז געווען „די גרויע עמינענץ" פון אינערנמיניסטעריום, פרעזעס ק. אויב מיין פאטערס ליידנשאפט איז געווען מאטעריעלער גענוס, איז יענעמ׳ס באשטאנען אין גלוסטונג צו מאכט. ער איז געווען גענוג ראפינירט צו זאמלען באווייזן אויף די עברות פון זיינע מיטזינדיקע, אליין ניט לאזנדיג הונטער זיך קיין שפורן. אזוי ארום האט ער זיי אלע געהאלטן אין האנד. און ווי איז געווען צו יענעם וואס האט געוואגט זיך קעגנשטעלן זיין ווילן: א מיטטיילונג דער פראקוראטור, א גוט צוגעגרייטער פראצעס, און דער ווידערשפעניקער איז פארשפארט געווארן אין תפיסה און דארט „פארגנאיעט".

אזא גורל האט אויך דערווארט מיין פאטער נאך דעם ווי ער האט געהאט דאס אומגליק ארייצופאלן אין אומגענאד ביים פרעזעס ק. אפגעבנדיג זיך אבער א קלארן דין־וחשבון וועגן זיין לאגע, האט ער זיצנדיג אין ארעסט, נאך פארן פראצעס גענומען זיך דאס לעבן.

דאס אלץ איז פארגעקומען מיט א פארבלענדניקער שנעלקייט. במשך פון געציילטע טעג זענען מיר (מיין מוטער, צוויי יונגערע שוועסטער און



איך) פון דער רייכסטער משפחה אין שטאט געווארן אביונים. פון דער פרעכטיקער ווילע (וועלכע איז קאנפיסקירט געווארן) זענען מיר אריבער אין א פאציאטקע. מ׳האט ביי אונדז אפגענומען דאס אפגעשפארטע געלד און טייערע חפצים, און מיר זענען געבליבן אן לעבנסמיטלען.

איך האב געמוזט גלייך איבעררייסן דאס לערנען אין גימנאזיע און זיך נעמען צו דער ארבעט. אבער אט די מפלה וואס מיר האבן געליטן איז גלייכצייטיק געווען פאר מיר א מין היילערישער שאק וועלכער האט מיר דערמעגליכט זיך אויפצוהויבן פון דערנידערונג. צוזאמען מיט דער גימנאזיע האב איך אויך פארלאזט די פאשיסטישע ארגאניזאציע. נויט, שווערע פיזישע ארבעט און דער געפיל פון פאראנטווארטליכקייט פאר מיין פאמיליע האבן מיך אויסגעלויטערט. כ׳האב דערקענט דעם זיסן טעם פון טרוקן ברויט און דעם תענוג פון אויסשלאפן זיך צו דער זעט אין א זונטאגדיקן טאג. מיין פארגאנגענהייט האב איך באטראכט ווי א רשעות וועלכע כ׳האב ניט געפרווט — און פרווו אויך איצט ניט — פארענטווערן דורך „פארמילדערנדע אומשטענדן", ווי מיין יוגענד, שלעכטע אויסערליכע איינפלוסן א.ד.ג. איך ווייס אז כ׳בין באגאנגען פארברעכנס, אז כ׳פארדין ניט מ׳זאל זיי מיר מוחל זיין און בעט ניט קיין מחילה.

אבער איך בעט — ניין, איך מאן! — איך מאן מחילה פאר דעם וואס האט פאסירט צווישן מיר און יענץ יידיש מיידל אין אן אפגעזונדערטן שייער לעבן לובלינער שאסיי... אט דאס איז די זאך פאר וועלכער דאס אלץ ביז איצט דערציילטע איז נאר געווען אן ארייננפיר. ביטע שרעקט אייך ניט — האט ער הייליק צוגעגעבן — דער עצם הסיפור איז קירצער פון דער הקדמה.

ער האט פון דאס ניי פארויכערט און נאך א ווײלע פארגעזעצט:

— דאס איז געווען דעם צענטן טאג פון דער פויליש־דייטשער מלחמה און דעם דריטן נאך מיין ארויסוואנדערן פון דער היים. המונים האבן פארפילט דעם שאסיי און זיך צעשאטן איבער די ארומיקע וועגלעך. דער ריזיקער פליטים — שטראם איז, ווייזט אויס, געווען פאר די דייטשן אומגעריכט: זייערע עראפלאנען האבן אונדז ביז מיטאגצייט נאר אבסערווירט. ערשט ארום פיר א זייגער האבן זיך דערהערט די ערשטע שאסן פון מאשין־געווער.

די דייטשן האבן, לויט זייער דאמאלדיקער טאקטיק, אטאקירט פון דער לופט נאר בייטאג. די פליטים האבן זיך צו דעם צוגעפאסט, מארשירט ביי נאכט, און ביי טאג געררוט אין וועלדער און דערפער.

אין יענע פיבערהאפטע נאכטיקע מארשן פלעגט ניט זעלטן פאלן אויפן וועג א מענטש, מ׳האט זיך אבער לעבן אים ניט פארהאלטן. מ׳האט איבערגעשפרייזט איבער פארחלשטע און געגאנגען ווייטער. מיר זענען אלע באהערשט געווען דורכן באגער איבערצוקומען ביי נאכט א וואס גרעסערע שטרעקע אויף מזרח און דערגרייכן און דער פרי צו א צייטווייליקע באהעלטעניש. ווייל צוגלייך מיטן ערשטן זונענשיין פלעגן זיך באווייזן די שווארצע לופטמאשינען און באלד האט א פייף געטאן דער האגל פון קוילן און ס׳האבן

צעהילכט זיך באמבען־אויפרייסן. אומגעליקליך זענען דעריבער געווען יענע אנטלויפנדע, וועמען דער אויפשטייענדער טאג האט נאך געטראפן אויפן שאסיי. ס׳איז דאמאלט ניט פארבליבן קיין אנדער אויסוועג ווי זיכן שוץ צווישן די זייטיקע קוסטעס אדער אין די גראזן פון פעלד . . .

לויפנדיג א דעשראקענער אין איינעם אזא פרימארגן, האב איך זיך אנגעשטויסן אויף א ליגנדיקן קערפער. כ׳האב זיך אומגעקוקט: א פרוי. מיין אומווילנדיקער שטויס מיטן פוס האט זי אויפגעוועקט פון חלשות. כ׳האב איר געהאלפן אויפשטיין און מיר האבן צוזאמען געלאזט זיך אין ווייטערן וועג. מיר האבן ענדליך דערגרייכט צו א דערפל און זיך באהאלטן אין א היי־שייער. דער ווארק פון די פלימאשינען האט זיך דערווייטערט.

איך האב א קוק געטאן אויף דעם מיידל; זי איז געשלאפן א פארויטלטע מיט די העל בלאנדע האר צעווארפן אויפן היי. זי האט געעפנט די אויגן, אפשר אויפגעוועקט דורך מיין שטארן בליק, און צו מיר געשמייכלט. זי האט זיך אויפגעהויבן אויף די עלנבויגנס און, האב זיצנדיג, מיר געדאנקט פאר דער הילף.־אזוי ווי האלטנדיג עס פאר איר פליכט האט זי מיר אין קורצע ווערטער איבער געגעבן איר ניינצניעריקע לעבנס־געשיכטע: זי איז א טאכטער פון אריקער שוחט, די קריג האט זי געטראפן ביי א מומען אין ווארשע און איצט גייט זי צו פוס א היים. זי האט אויך דערמאנט אז זי האט א חתן וועלכער איז מאביליזירט געווארן עטלעכע טעג פארן אויפברוך פון דער מלחמה; זי האט ניט פון אים קיין שום ידיעה און ווייסט ניט צי ער לעבט נאך.

מיר זענען ארויס פון שייער כדי זיך ארומוואשן און פארשאפן זיך שפייז. מיר האבן ביידע געהאט געלד, און די מילדע פויערן זענען מסכים געווען צו פארקויפן אונדז ברויט, עפל און קעז, כאטש אין דער ווערט פון פוילישער וואלוטע האבן זיי שוין ניט געגלויבט. נאך די מיטאג־שעהען איז אנגעקומען א נייע כוואליע לופט־מאשינען און ס׳האבן א הילך געטאן אויפרייסן. די דייטשן האבן באמבארדירט א פריצישן הויף אין דער געגנט און, אפפליענדיג, אונטערגעצונדן דעם שכנותדיקן דארף. אינעם שייער איז ארײנגעדרונגען רויך, ס׳האבן זיך דערהערט אויפגעבראזטע אויסרופן. דאס מיידל האט אויפגעהויבן אויף מיר אן אומרואיקן בליק. ביסלעכווייז אבער האט זיך דער ארומיקער גערויש איינגעשטילט און צוליב דער געענדערטער ריכטונג פון ווינד איז זיך דער רויך פונאנדערגעגאנגען.

מיר זענען געליגן אויפן היי, האלב פארשיכורט פון זיין שטארקן גערוך, פילנדיג דעם קילן פארטאג פון דעם צופאלנדער נאכט. דאס איז געווען די לעצטע שעה פון אפרו פאר אונדזער ארויסגאנג אין ווייטערן וועג. דאס רויט־ליאע ליכט פון זונאונטערגאנג וואס האט זיך צו אונדז ארײנגעריסן דורך די שפאלטן אין שייער־טויער האט זיך צונויפגעמישט מיט די ברוינע פלעקן פון דעמערונג.

. . . ס׳איז געקומען אומגעריכט. כ׳האב דערהערט דעם שארפן רוף פון מיין בלוט און ס׳האט זיך פאר מיר אנטפלעקט די תשוקה וואס האט מיך פאר־



בארגענערהייט גענאגט זייט עטליכע שעה. אט האט זיך נאענט לעבן מיר געצייכנט אין דער טונקלקייט דאס פולער פרויען־געשטאלט — די רונדיקע ליניע פון די לענדן, די בולטקייט פון דער ברוסט און די צעווארפענע דיקע סנאפעס האר. צי ניט דערפאר האט זי זיך אזוי אומבאוועגליך פארטייעט אויפן היי, ווייל זי וויל דאס זעלבע וואס איך? ס׳גייט אן א מלחמה, א צייט פון שרפות און בלוט. המונים ציען איבער די וועגן פון דער וועלט און איבער זייערע קעפ קרייזט ארום דער טויט.

וואס איז אין אזא צייט די ווערט פון אנערקענטן מאראל, וואס פארא באדייטונג האבן היינט צניעות און טרייהייט! טרייהייט? צי איז דען ניט מער ווי זיכער אז דער מיידלס חתן איז שוין טויט? אויב ער איז אפילו ניט אומגעקומען און די שלאכטן, איז ער דאך געוויס ארײנגעפאלן אין די הענט פון די זיגרייכע דייטשן; און וואס האבן זיי געטאן מיטן געפאנגענעם ייד? מיר אבער לעבן; מיר זענען יונג און באגערן זיך קעגנזייטיק. ווער ווייסט וואס עס דערווארט אונדז אין דער דאזיקער נאכט! ווער ווייסט, צי איז דאס ניט אונדזער לעצטע געלעגנהייט צי געניסן פון גליק!

כ׳האב זיך אויפגעהויבן אויף די קני, זיך איינגעבויגן און ארײנגענומען דאס געגארטע לייב אין מיינע ארעמס. כ׳האב דערפילט ווי זי האט זיך א שליידער געטאן. ענג מיט איר צוזאמענגעהאפטן האב איך אויסגעדרייט איר קאפ און מיט די ליפן גיריך אויפגעזוכט איר מויל. אנשטאט א קוש האב איך דערפילט א ווייטיקדיקן ביס. זי האט זיך מיט דער עלאסטישקייט פון איר קרעפטיקן קערפער אויסגעבויגן רוקווערץ און באוויזן ארויסצוציען א האנד פון מיין ארומנעם. איך האב דערפילט א ראץ פון שארפע נעגל איבערן באק און ערשט דאמאלט — אויפגעוועקט דורכן ווייטיק פון מיין ליידנשאפט — פארשטאנען אז איך באגיי א געוואלדטאט. כ׳האב לויזער געמאכט מיינע ארעמס, זי האט זיך ארויסגעריסן פון זיי און מיך אוועקגעשטופט פון זיך. און א באנד ליכטיקייט וואס האט ארײנגעדרונגען דורכן שפאלט פון שייערטויער איז זי געשטאנען א פארסאפעטע, מיט א צעפלאקערט געזיכט און צעפלאשעטע האר. אירע אויגן האבן געפינקלט און דאס ווייך האלב־קינדיש מויל איז געווען פארקרומט — מיט אנטוישונג און באדויער. פלוצלונג האבן א ציטער געטאן און זיך צעטרייסלט אירע ליפן און פון די ליכטיקע אויגן האבן א שפראץ געטאן טרערן. מיט א געבויגענעם קאפ אויפגעציטערט פון שלוכצן האט זי אראפגעגנידערט פונעם היי און איר יאמער האט זיך צונויפגעגאסן מיטן סקריפ פון טויער, הינטער וועלכן זי איז פארשוואונדן.

איך בין געבליבן אליין, א צעביסענער, צעדראפעטער, באזיגטער דורך א יידיש מיידל. אין דער ערשטער מינוט האב איך געוואלט זי נאכיאגן, שווערן אז כ׳האב געהאט לגבי איר א טעות . . . כ׳האב אבער פארשטאנען ווי אונזיניק און לעכערליך דאס וואלט געווען. א פארשעמטער בין איך פארבליבן אין שייער און פארלאזט אים ערשט דאמאלט ווען ס׳איז געווארן אין גאנצן פינצטער.

אט איז מיין געשיכטע וועגן מיין אומבאוווסטזיניק באמיטע פארגוואלטי־

קונק פון א יידיש מיידל, מיט וועלכער איך בין צוזאמען אנטלאפן פון בשותפותדיקן פיינד. כ׳האב זיך גענארט אז, פונקט ווי איך, וויל זי אויך ארויסרייסן, וואס עס לאזט זיך נאך, פונעם לעבן. כ׳האב מורא געהאט פאר דער קומענדיקער נאכט און באמת נאך יענער נאכט האב איך באקומען מיט א באמבענשפליטער אין רעכטן פוס און פארבליבן אויפן גאנצן לעבן אן אינווליד. דער שרעק פארן טויט האט מיך אריינגעבראכט אין א צושטאנד פון גייסטיקער אנארכיע. כ׳האב אבער ניט געהאט די כוונה צו באגיין אגעוואלדטאט.

דאס איז דאך שוין געווען נאך מיין ווידערגעבורט... כ׳וויל ניט, כ׳קאן ניט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז דאס יידיש מיידל האט מיך פארלאזט אין דער איבערצייגונג אז איך בין פארדארבן, געמיין. ניט אמת! כ׳בין געוועזן געמיין ווען איך האב געשלאגן מיין חבר וואלמאנען, כ׳בין געווען געמיין דאמאלט ווען איך האב... ווען איך האב געשפיגן אין טעלער. אבער אי מיין זאך מיטן מיידל איז ניט געווען קיין געמיינקייט, כ׳האב זיך גענארט, כ׳האב געהאט א טעות, איר הערט?! פארוואס שוויגט איר? פארוואס הער איך פון אייך ניט קיין ווארט? א, איד ווילט ניט רעדן מיט מיר! איר ווילט מיר ניט ענטווערן! — ער איז פארצווייפלט אנטשוויגן געווארן.

כ׳האב ניט געענטווערט. כ׳האב נאר אויסגעצויגן מיין רעכטן ארעם, כדי צו געפונען אין דער פינצטער זיין האנד און זי אן ווערטער א דרוק טאן מיט מיטלייד און טרייסט. אבער דא איז געשען אן אומדערווארטע זאך: מיינע פינגער האבן זיך אפגעזאגט צו קומען אין באריר מיטן פאטשער און שפייער. זיי האבן זיך איינגעקארטשעט אין א פויסט און צוריק זיך פארקליבן אין ארבל פון דער פופקייקע. דאס איז זיכער ניט געווען קיין אויסדרוק פון פארבארגענער שנאה, ענדער — פון א קערפערליכן עקל וועלכן איך בין ניט אין שטאנד געווען בייצוקומען.

נאך א ווײַלע האט פון אנטקעגנאיבער קוים זיך דערהערט א פארזיכטיקע פראגע:

— איר זענט אפשר איינגעשלאפן?

— ניין, איך שלאף נישט.

א טיפער, שווערער זיפץ — —

איך האב זיך ענדליך דערווארעמט, אלנפאלס אויף אזוי פיל איך זאל קאנען נאכגעבן דעם חשק איינצודרימלען. הארט צוגעדרוקט צו דער וואנד כדי ניט צו פילן דאס טרייסלען פונעם וואגאן, בין איך אריינגעפאלן אין א האלבן שלאף אויף עטליכע שעה. ס׳האט מיך אויפגעוועקט דער פארלאנגזאמטער געקלאפ פון די רעדער; כ׳האב געעפנט די אויגן. דורכן פענצטער האט אריינגעטריפט דאס גרויע ליכט פון הארבסטיקן פרימארגן. ס׳האבן זיך באוויזן פארויכערטע הייזער, ס׳איז אין אומעטיקן לאנדשאפט לאנגזאם אריינגעשווומען די געביידע פונעם וואקזאל און ס׳האט זיך דער — הערט דער אויסרוף פונעם קאנדיקטאר:

— טאנשאיעווא!

כ׳בין אויפגעשטאנען, אויסגלייכנדיק די אנגעווייטיקטע קניען; כ׳האב



אראפגעשלעפט פון דער פאליצע מיין זעקל און זיך געווענדט צום ארויסגאנג. פארבייגייענדיק לעבן מיין מיטפארער, האב איך צום לעצטן מאל אויף אים א קוק געטאן. ער איז געזעסן אומבאוועגליך, ווי ניט געמענדיג און באטראכט די ענדע פון דער רייזע. זיין פנים איז געווען ווי צעקנייטשט, דאס בערדל פארפלאנטערט. ער האט שטאר געקיקט אויף דער קעגנאיבערדיקער וואנד מיט אייגן פארנעפלטע, רויטע, געשוואלענע — — — פון שלאף? אדער פון געוויין?

## עלא זילבערג

## דער וועג פון א דיכטער

געווידמעט שטענצלען צו זיין 70 יאריגן געבורטסטאג

דער וועג פון א דיכטער,
איז אן איינזאמער וועג,
אין א וועלט פון ווערטער און קלאנגען,
שפינט זיך זיין לעבן,
אזוי קינסטלעריש שיין,
באגלייט פון די שענסטע געזאנגען.

בלאנדזעט ער ענדלויז,
דורך פינסטערע נעכט,
אין תהום פון מענשלעך געפילן,
ברעכט אויף די שלעסער,
פון באהאלטענעם לייד
דעם שמערץ מיט געזאנגען צו שטילן.

דער וועג פון א דיכטער,
איז אן איינזאמער וועג,
וואו קיינער קען אים באגלייטן,
באדעקט פול מיט דערנער,
וואס שטעכן מיט שמערץ,
און פירט אין אומענדליכע ווייטן.

וואנדערט דער דיכטער,
יאר איין און יאר אויס,
און זוכט א וועג צו געפינען,
א וועג וואס זאל פירן,
צו פרייהייט און גליק,
זיין מוזע זאל ווייטער זיך שפינען.

## א. נ. שטענצל

# די אויגוסט - שטראסע

דער דייטש־יידישער סאלדאט און אפיציר איז דאך אין דער „היימאט" נישט צוריקגעקומען אזוי פארלוירן און נידערגעשלאגן פונם ערשטן וועלט־קריג ווי זיין „קאמעראד" אין שלאכט, דער דייטשער זעלנער; ער, דער דייטשער ייד, ווי אסימילירט און פארדויטשט ער איז נישט געווען, האט ער געפונען אין „באזעצטן געביט" אין פוילן, ליטע, און אוקראינע זיינע ברידער, די מזרח־אייראפעאישע יידן; בעסער געזאגט: ער האט אנטדעקט דעם „אסט־יודן"!

נישט נאר „די פראנקפורטער ארטאדאקסי" האט „געוואונען" די „פירונג" פון דער „אגודת ישראל", — די ירושה פון די טיכטיקע ראבינער קאן און קארבלבאך און די אנדערע „פעלד־ראבינערס בשעתם, — נאר יעדער יידיש־דייטשער סאלדאט אויף זיין אופן. זיי אבער, די לעצטע, האבן נישט „געוואונען" נאר געפונען, ווי א ברודער געפינט א ברודער —

זיצנדיק ביי א יידישן סדר, אין א סוכה — אהיימגעבעטן פון שול — צי גאר אין א פראסטן שבת ביי א היימישן יידישן טיש; קומענדיק אין א יום־טוב אין א שטעטלדיקן בית־מדרש א צעהילכטער פון יידן זיצנדיק ביי די גמרות; אין א חסידים־שטיבל צו א פראסטן שלוש־סעודות בשעת זינגענדיק די „בני הכלא"־זמירות איינגעהילט אין בין־השמשות שאטנס; צווישן חלוצים אויף א פארם, אין א יידישן ארבעטער־פאריין — האבן זיי זיך אליין געפונען און אנטדעקט!

זיי האבן ליב־געוואונען די ווארעמקייט פון דער יידישער היימישער שטוב, דעם התלהבות, דעם „ברען" ביי דער גמרא, ביים „בני היכלא"; ארומגענומען געווארן מיט דער לעבעדיקייט פון יידישן פאלקסליד אין די „גראסער" און „באראכאוו"־קלובן —

דער מיאוסער ביי־קלאנג פוןווארט „אסט־יודע", „פאלנישער יודע" איז אין זייערע אויערן מגלגול געווארן אין א טאן פון א „מעלאדיע אהנע ווערטער"...

אין פוילן, אין ליטע, אין אוקראינע האט דער דייטש־יידישער סאלדאט געפונען זיין „פערבינדעטן" און אהיימקומענדיק פון א פארלוירענעם קריג און געפונענדיק זיי — די געכאפטע אין די שטעטלעך אויף „צוואנגס־ארבעט" — אין די הונדערטער, אין די טויזנטער צעלאזענע פון די אמוניציע פאבריקן, פון די קוילן־גרובנס, וואס די גאנצע מלחמה־יארן האבן די זיך געוואלגערט — ווי זיי אין די אקאפעס אויפן שלאכפעלד—אין די ביליקע הערבערגן, ארבעטער־הייזער, נאכט־אזילן, נישט אנגעזעען די אלע יארן קיין יידישע שטוב. (דאס דייטשע מיידל איז נאנטער געווארן ווי דאס יידישע, מיט די ערשטע זיינען זיי דאך געשטאנען ביי דער „ארבעטס־באנק", מאכנדיק אמוניציע; זיי געטראפן אין די פרייע זונטאגס אין א קאפעע, אין א קינא...) טרעפנדיק די צעלאזענע געפאנגענע קאמעראדן, — די רוסיש־יידישע סאלדאטן „אפגעלעגן" יארן אין די דייטשע געפאנגען־לאנגערן — האט דאס ווארט „אסט־יודע", „פאלנישער יודע" אן אנדער קלאנג געהאט — פונם צוריקגעפונענעם, פארוואלגערטן



רענדל, נישט אפצוטוישן...

עס גענוגט בלויז דער „דאקומענט" פון יענע יארן, ארנאלד צווייגס „דאס אסט־יודישע אנטליץ", הדרת־פנימדיק צעשטראלט מיט „שטרוקס צייכענונגען".

דער דייטשער זעלנער, צוריק אהיים קומענדיק נאך דעם גלאריע־רייכן, פארלוירענעם, ערשטן וועלט־קריג, ווי פארלוירן, ווי נידערגעשלאגן, ווי צעדרודערט ער איז נישט געווען, איז ער צוריקגעקומען אין א „היימאט", צו זיין משפחה, זיין קולטור — איז נישט קיין קעניגלעך־קייזערלעכע, איז א דעמאקראטיש־סאציאליסטישע — אין א נייעם, רעוואלוציאנערן דייטשלאנד.

ווו אבער האבן די הונדערטער, די טויזנטער יונגע „אסט־יודן", רוסישע, אוקראינישע, ליטווישע, פוילישע, געזאלט צוריקפארן, אז פון זייערע רעוואלוציאנערע און דעמאקראטישע היימען קומען פרישע הונדערטער און טויזנטער פליטים און אנטלאפענע פון פעטליורע־פאגראמען און האלערטשיק־רציחות?

וויפל דער דזשאינט, אזע, ארט, בני־ברית, די החלוץ־ארגאניזאציע און די משפחות מעבר־לים מיט שיקן דעמאלט אן „אפידעיוויט" האבן אויפגעטון צוריק ארייננצוברענגען א שטיקל סדר און ארדנונג אין צערודערטן יידישן לעבן, האט דאס רעהאביליטירטע ווארט, דאס דיבוק־באפרייטע ווארט „אסט־יודע" מער אויפגעטון!

מזרח־אייראפעאישע יידישע בחורים האבן אנגעהויבן ארייננצוקומען אין יידישע שטובן, באקומען דריסת־הרגל נישט נאר ביי איינגעזעסענע גאליציאנער יידן, נאר אין „גוטע" דייטש־יידישע הייזער — זיינען דאך נישט נאר דייטשע זעלנער געפאלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאר אויך דייטש־יידישע סאלדאטן — און אויסגעפילט דעם „מאנגל" אין בחורים... אבער בעיקר מ'האט זיך געזאמלט צווישן זיך, אין געזעלשאפטן, אין פאריינען, אין קלובן.

עס האבן זיך אנגעהויבן ווייזן פירנדיקע מענטשן פון די „רוסישע" אינטערנירטע, פון די צוריקגעקומענע רעקרוטירטע, פון די יידישע סטודענטן־קלובן; נאר צו דערמאנען אזעלכע נעמען ווי רובאשאוו, שניאור, סינגאלאווסקי.

דער מזרח־ייד האט אנגעהויבן צו מאכן זיין וועג אויף צוריק, קיין מערב־אייראפע, אויפן וועג קיין אמעריקע, קיין פאלעסטינע — דער ספרד־און אשכנז־ייד איז צוריקגעקומען מיט „נוסח" מיט א נייער יידישער קולטור, מיט א יידיש־העברעאישער ליטעראטור.

און איינער פון אט די יידיש־דייטשע צוריקגעקומענע סאלדאטן און אפיצירן, פון דער יונגער גענעראציע דייטש־יידישע אינטעלעקטואלן, איז געווען פריץ מרדכי קויפמאן, וואס איז געשטאנען אין שפיץ פון יידישן ארבעטס־אמט אויף דער אויגוסט שטראסע.

אט דער יונגער דייטשער אינטעלעקטואלער ייד, מיט א ברענענדיקער ליבע צו אלץ וואס איז אסט־יידיש, דער לעגענדארער פריץ מרדכי קויפמאן, איז געווען פאראנטווארטלעך לגבי דער נייער דייטש דעמאקראטישער רעגי־

רונג פאר די לעצטע פון די לעצטע, פאר די פרעמדע און פארוואגלטע, די אומבאהאלפענע, וואס האבן געזוכט ארבעטס און וואוין־רעכט; די ערגסטע, שווארץ־ארבעט — וואס ס׳זאל נישט זיין! דעם באגערטן נאנסן־פאס, די פאר ברויט־קופאנעס, וואס זענען דאס נויטיקסטע געווען אין די ערשטע נאך־מלחמה יארן אין דעמאלסטיקן פארשפילטן און אויסגעשפילטן דייטשלאנד.

איז מען פארשריבן געווארן אויף דעם יידישן ארבעטס־אמט, אין דער אויגוסט שטראסע, איז ביז מ׳האט באקומען די פאסנדיקע ארבעט, דעם באגערטן נאנסן־פאס, איז מען קודם באזארגט געווען אויף דריי טאג מיט א קוויטל אויף מיטאג אין דער „סטודענטן־קיך“, צו „שלאפן“ דריי נעכט אינם „נאכט־אזיל“ — אבער דער עיקר איז דאך געווען נישט דאס שלאפן, נאר דאס קוויטל, וואס איז געווען כמעט ווי א „שמירה“ פאר א גוטן פאליציסט, אז מ׳איז פארדעכטיקט געווארן גייענדיק אין גאס. ביי אן אבלאווע אין א רעסטאראנדל, — א שלעכטער האט אויף דעם „שמירה“־קוויטל נישט געקוקט — צו אן אייזערנעם בעט־געשטעל אן א מאטראץ און אן וועלכן ס׳איז קישן, מיט צוויי הארטע קאלדרעס, איינע אונטערצולייגן און מיט אייגער זיך צוצודעקן. און אויב מען האט נאך געהאט די צוויי קופאנעס דערצו — א טאפ ציקאריע, „שנאבל־בריע“ און א לחמא שווארץ ברויט, פארן גיין „שלאפן“ און נאכן אויפשטיין.

ווען איך בין אנגעקומען אין דער אויגוסט שטראסע האט דער לעגענדארער פריץ מרדכי קויפמאן שוין נישט געלעבט מער. לויט ווי מ׳האט זיך איבערגעגעבן, האט עס געהייסן, אז ער איז באגאנגען זעלבסטמארד טאקע דא אינם ארבעטס־אמט ביים שרייבטיש. עס האט געהייסן: ער איז נישט נאכגעקומען די צוגעזאגטע פאדערונגען לגבי דער מאכט... זיין פאראנטווארטלעכקייט, זיין אחריות־געפיל, איז געשטעלט געווארן אין פראגע... צי ס׳איז געווען דער „שלעכטער“ „ארבעטס־מאטעריאל“... צי גאר זיין תמימותדיק גרענעצלאזער פארטרויען צום „אסט־ייד“, וואס איז געווארן געבראכן... אדער ס׳איז גאר געווען זיין לאיאליטעט — זיין יידיש־דייטשע טאפלטקייט?... די צעריסנקייט אין אים פון „דויטש“ און „יודע“... שוין זיין נאמען „פריץ“ און „מרדכי“ זאגן עדות... זיי האבן זיך געשטויסן אין אים ווי יעקב און עשיו אין דער מאמע רבקהס לייב, ווי קין און הבל ביים ברענגען זייער קרבן און איינער האט דעם אנדערן געהרגעט...

ווען דער „מרדכי“ אדער „מאקס“, נאך וועלכן שמואל לעווין האט ארויפגעשריגן אין אפענעם פענסטער אריין, אין דער אויגוסט שטראסע, איז נישט אראפגעקומען — „ער איז שוין אוועק“, האט עס ארויסגעענטפערט פונם אפענעם פענסטער, צו וועלכן דאס שיינע, בלאנדע קעפל איז שוין נישט צוגעקומען — האט לעווין געגעבן א שאקל מיטן קאפ, אז די לאנגע, שווארצע לאקן זיינע האט מען געהערט ממש אויפקלינגען; ער האט זיך אויסגעדרייט מיט א שארפן דרייעקיקן דריי און מיט די געביילטע רעוואלוציע־פויסטלעך געפאסט א „רעזאלוציע“־באשלוס:



„איר זעט קייגנאיבער דאס געזעמל? דא שטייט מען אויך ביז דער „אמט“ וועט זיך אפענען — דאס איז דער יידישער ארבעטס־אמט... שטעלט זיך אנידער אין אט דעם געזעמל! ביז איר וועט אפגעפערטיקט ווערן וועל איך שוין צוריק זיין פון מיין „אמט“... (ער האט זיך געשטארקט נישט אריינצופאלן אין א לייכטער שטימונג). מאקס וועט פון דער ריינהארד־שול אויך שוין מסתם זיין צוריק... איר ווייסט דאך, איך מוז אוועק מכוח מיין ענין“, און זיין פנים האט זיך פארצויגן, ווו א פארהאגענער שפיגל אין א שטוב פון אן אבל, מיט א פינסטערער טרויעריקייט.

ווען שמואל לעווין איז אוועק מכוח זיין ענין אין דער „חברה־קדישא“, אין דער היידער־רויטער גאסע, און איך בין דא שטיין געבליבן פארן יידישן ארבעטס־אמט, אין דער אויגוסט שטראסע, האט נאך די נשמה־ארטילאית פריץ מרדכי קויפמאנס געשוועבט אויף כף־הקלע:

עס האט געהייסן, אז געפונענדיק אים א טויטן, מיטן רעוואלווער נאך אין דער ווארעמער האנט, דא אין זיין אפיס, איז געלעגן א צעטעלע אויפן שרייבטיש, אז זיין אמט זאל איבערנעמען דער רעכטער פועלי־ציון טוער, אדלער־רודל; אנגעזען שוין אין דער פ״ץ־היערארכיע אין אלטן עסטרייך.

ס׳וואלט ארויסגעקומען א טומל אין דעם באוועגלעכן געזעמל: „א באראכאוויסט“? „ניין, א ציוניסט“... „יענער גאליציאנער“... „ניין, פון דער בוקאווינער אינטעליגענץ... א יידישיסט“... דאס טויער האט זיך געעפנט און דאס צערודערטע געזעמל איז אריין אינם אויפגעעפנטן טויער און זיך געלאזן אויף די שטיגן אינם פאר־קארידאר צו דער טיר פונם ארבעטס־אמט. איך, ווי א ניילינג, ווי א פרעמדער אין דער סטאדע, בין נאטירלעך געבליבן דער לעצטער, נאכגייענדיק די אנדערע, וואס האבן שוין געוואוסט וואו א טיר עפנט זיך...

אין דער שטוב, וואו ס׳פענסטערל איז געווען צום אפיס, וואו פון דער אנדערער זייט איז געזעסן א בחור מיט א צעקנייטשט פנים, מיט פלינקע באוועגונגען און מיט נאך פלינקערע אייגעלעך, האט געקענט אריין א פערציק־פופציק מענטשן און די שטוב איז געווען איבערפולט. ביי יעדן איינעם פרישן, וואס איז צוגעקומען צום אפענעם פענסטערל, האט זיך דאס צעקנייטשטע פנים מיט די פלינקע אייגעלעך שנעל, מיט א דרייעק־קורווע א דריי־אויס געגעבן צום שרייבטיש, וואס איז געשטאנען טיף אינם אפיס אדער אפשר דורך אן אפענער טיר אין א צווייטער שטוב אריין עפעס אריינגערעדט, אנגעפרעגט, געווארט דרך־ארצדיק מיט א שפיציק־געבויגענער פלייצע אין אפיס־פענסטערל, און מיט א פלינקן דריי זיך נאך פלינקער אויסגעדרייט, אויפהויבנדיק די שפיציקע פלייצע און באווייזנדיק זיין שטרענג־צעקנייטשט פנים מיט די פלינקע אייגעלעך, אינם אפיס־פענסטערל —

דער בחור, האט מען געזען, פארשטייט זיך אויפן וואונק מיט זיינע „קליענטן“ און אויך מיט דעם, וואס זיצט דרינען ביים גרינעם אפיס שרייבטיש.

עס איז שוין געווען קרוב צוועלף אזייגער. איך בין געווען דער סאמע לעצטער און עס האט שוין געהאלטן ביי מיר.

דער מיט די פלינקע אייגעלעך, מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאפ, צוריקגעלענט אויף זיין בענקל פון דער אנדערער זייט פענסטערל פרעגט און איך, אויף דער זייט, מיט אן איינגעבויגענעם קאפ, ענטפער:

„אייער פאס!“

„איך האב נישט“.

„עס קאן זיין א געמאכטער, א פאלשער!“ ...

איך שוויג.

„עפעס וואס פאר א פאפירל וואו איר האט געארבעט, וואו איר זענט געבוירן, ווי איר הייסט“.

„איך קאן אייך די אלע זאכן זאגן בעל־פה אדער אויפשרייבן אויף א פאפיר“.

„וואס הייסט איר וועט זאגן?“ צעקנייטשט זיך דאס פנים נאך שטארקער און די קנייטשן צעשטראלן זיך ווילעריש מיט א שמייכל: „גוט געזאגט, איר וועט זאגן... און אז איר וועט זיין אן אנטלאפענער פון א תפיסה, וועט איר אויך אויפשרייבן?... עס פעלן נישט דא די אביעקטן!“

ער דרייט פלינק אויס דעם קאפ, ער רעדט עפעס אהין דארט צום גרינעס אפיס שרייבטיש, צו דער טיר אין א צווייטער שטוב אריין. עפעס וואס כאפ איך אויף:

„ווער קאן זיך... אויף די ,פאניעס׳... עפעס א ווייי־חכם צי א ריכטיקער אידיאט“...

ער דרייט זיך פלינק צוריק אויס מיט אן ערנסט פנים:

„קאנט איר מיר זאגן אייער פאך?“

„א לאנד־ארבעטער ביי פויערים, ביי גערטנער“.

„כ׳פארשטיי“. זיין פנים ווערט נאך צעקנייטשטער, די פאל׳טן שארפער, ס׳ווערט שטרענג, די פלינקע אייגעלעך בלייבן שטיין געשפיצט:

„כ׳האב באלד פארשטאנען! זענט איר טאקע פון די צוריקגעקומענע, פון יענע חלוצים, פון די מרגלים?“ ...

איך רייס אים איבער, נישט מיך צו פארענטפערן, נאר מיט א מין התפעלות:

„פון וואנען ווייסט איר וואס איך האב דא ביי מיר אין מיין בוזעם? טאקע א חלוץ, א טויטן, אבער נישט קיין מרגל“

„חבר, זאל דאס זיין לצנות, אדער אזא מין אופן פון דיסקוסיע?... נאר נישט דא ביים פענסטערל“... זיינע אייגעלעך נעמען פלינק לויפן ווי דערשראקענע און זיינע פלינקע הענט נעמען זיך פלינק באוועגן.

ער האט דרינען אראפגעבויגן דעם קאפ צום אפיס־פענסטערל און איך האב אינדרויסן אויפגעהויבן מיינעם. געפרעגט מיין נאמען און אן א ווארט מיר ארויסדערלאנגט די צעטלעך: א פאפירל אויף „דריי נעכט צו שלאפן“



אין נאכט־אזיל און דריי „שיינען“ אויף דריי בחינמדיקע מיטאגן אין דער סטודענטן־קיך.

געווען דער לעצטער ביים אפיס־פענסטערל, דער „שמועס“ האט זיך אביסל פארצויגן, בין איך אראפ אויף דער גאס איינער אליין. פארבייגייענדיק פארן אפענעם פענסטער קייגנאיבער וואו געווארט „מאקס מרדכי“ זאל אראפקומען, האב איך מיך געוואקלט, געוואלט אריבערגיין די פאטשענע, אבער ווייטער געגאנגען פארטראכט, לייענענדיק די אדרעסן אויף די צעטעלעך: דאס הייסט, אז אן אדרעס אויף אהיימצושרייבן האב איך נאך אלץ נישט...

כ׳בין אריבערגעגאנגען מיך איינקוקן אינם נומער פונם הויז: אפשר טאקע פשוט שרייבן אויפן בריוו אהיים „דעם אבזענדער“, די אויגוסט שטראסע נומער אזוי און אזוי... הער איך פריילעך איבער מיין רוקן:

„ס׳איז דער ריכטיקער אדרעס“... איך דריי מיך אויס און מיך קוקן אן א פאר גוטע אויגן פון אן אפן, פריילעך פנים און א ברייטע, געזונטע האנט שטרעקט זיך אויס, נישט נאר ווי שלום צו געבן, נאר ווי ארומצוכאפן און צום הארצן צוצודריקן:

„איך בין ,צוואר׳ נישט מרדכי, איך בין שיע, מאקס ברודער. ארום צוויי אזייגער וועט ער אהיימקומען“. ער זעט די צעטלעך אין מיין האנט און ער וויל עס מאכן וויציק:

„ביטע לייגט אוועק די ,באנקנאטן׳, זיי וועלן נישט חמצדיק ווערן“. ער קוקט אויף מיר מיט א באהאלטענער גוטסקייט צי ער האט זיך נישט צופיל ארויסגעכאפט, צו „גוט־ברודעריש“, און איז געווארן נאך פריינטלעכער:

„ווייסט איר וואס, איך האב צו מאכן א גאנג, קומט זשע מיט מיר מיט. ס׳איז א מינוט גאנג פון דא און איר קומט אריין אין הארץ פון יידישן פירטל — איך זע דאך, אז איר האט א „שמירה“־צעטעלע, און פאר קיין אבלאווע דארפט איר נישט קיין מורא צו האבן“...

אויב אויפן אלעקסאנדער פלאץ זיינען געווען די גרויסע „ווארנהויז“־געשעפטן, טיץ, ווערטהיימער, איזראעל און אזוי ווייטער, און אויף דער אנדערער זייט צום קייזער־פלאץ, צו דער קעניגלעכער גאלעריע: צו די לינדן אראפ הייבן זיך די אן די גרויסע יידישע באנק־הייזער: דאס הויז בלייכרעדער, דאס הויז מענדעלסאן, קאפע קראנצלער — איז אויף דער זייט ארויף צו דער מינץ שטראסע, די ליניענשטראסע, שענהייזער און האגישן מארק געווען די יידישע באקליידונגס־געשעפטן און די „צווייפלהאפטע“ קאפעען און רעסטאראנדלעך, מיטן שווארצן מארק פון לאקשן־דאלארן און שניט־סחורה קופאנעס...

עס ראיעט דא אין יעדער גאס און אין די אויסשטראלנדיקע פינסטערע געסלעך, אין די אנגערויכערטע קאפעען און שוויצעדיקע רעסטאראנדלעך ווי אין פולע, זשומענדיקע בינשטאקן, מיט סוחרים און סוחרימלעך, מיט הויזירער און מארק־שטייער, מיט רייזענדער מיט „לאקשן“־הענדלער און זייערע מעקלער און געלט־טוישער און גלאט מענטשן, וואס דרייען זיך ארום זיי; וואס

רייבן זיך ארום זיי... וואס ארבעטן פאר זיי... און מיט סתם פינסטערע פארשוינען געפאלענע צו דער לעצטער מדרגה — עס איז יענע בייזע חלום־לייטער פון אונזער טאטן יעקב, וואס מ׳קלעטערט אויף איר פון שטאפל צו שטאפל ביז מ׳עפנט א געשעפט מיט א וויסטאוועפענסטער אין דער שענהייזער אלייע אדער גאר אין דער קאנט שטראסע, אדער מ׳פאלט אראפ און מען ברעכט הענט און פיס און מ׳גייט קלאפן הויז ביי הויז צו קויפן אלטע קליידער...

מיין באגלייטער קוקט אויף מיר איך אויף אים, כ׳זע אים נישט נאר כ׳הער:

„דא אין די געסלעך פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט — נאכטראגן א הויזירער איז דאך דער מינדסטער פעאיק״...

שיע איז געווען דער קאפ פון הויז בראנשטיין אויף דער אויגוסט שטראסע, זיין אחריות־געפיל פארן „הויז״ האט געשטאלטיקט זיין כאראקטער —

ווען ער האט אנגעהויבן רעדן איבער זיין בראטשיק מאקס האט עס פון אים. ארויסגעשוימט, מיט לעבשאפט, מיט דרך־ארץ, מיט שטאלץ:

ער האט דערזען די גרימאסע אויף מיין פנים און געזוכט אנדערע פראזן.

„די גאנצע וואוינונג דא איז דאך איבער אים״... איך וואלט אוועקגעפארן פון טורנע?...״ דאס איז „דאך א זשעני, דער מאקס״... „די ריינהארדשולע איז דאך נאר דאס וויזום, דאס אויפנטהאלט־רעכט...״ בכלל גייט עס אים אין מאלעריי — אונזער מרדכי איז דאך א גאון״...

אזוי האט עס געשוימט אין אים פון איינס אין צווייטן אריין, גייענדיק איבער די געסלעך, אפטרעטנדיק אין א קאפעע, אין א רעסטאראנדל.

„איך וואלט מיך אריינגעלאזט אין די יידישע געשעפטלעך? אין דער היים האבן מיר וויכטיקע עטאבלירטע געשעפטן... אבער מאקסן אליין אזוי לאזן אין דער לופטן?״ „ער איז דאך א גרויס קינד״...

גייענדיק אזוי, האב איך אין איין געסל דערזעען די „צוויי ברידער״, וואס כ׳האב פון זיי נישט געקענט דאס אויג אראפלאזן, שטייענדיק אויבן אין יידישן ארבעטס־אמט... זיי האבן מיך אויך דערקענט: „איך גלויב, אז ערגעץ דא אין א געסל מוז זיין די סטודענטן־קיך״. ער האט עס צו מיר געזאגט, אבער גערעדט האט ער עס צום יונגערן ברודער און א נעם־אן געגעבן אים ביי דער האנט ווי אים ארויסצורייסן פון זיין איבערגעשראקנקייט.

„הערר בראנשטיין״, האב איך מיך אנגערופן צו מיין באגלייטער.

„רופט מיך שיע״, האט ער צוזאמענגעקלאפט די אפצאסן מעשה דייטשער אפיציר, אבער היימיש־ווארעם מיר געקוקט אין די אויגן אריין.

„ווייסט איר וואס, קומט דאך מיט אריין, די ‚באנקנאטן׳ וועלן סטייען״...

„א־א, איך זע, אז איר האט הומאר אויכעט... אבער נישט געשטאכן... איך האב עס זיכער נישט געמיינט אין שלעכטן זין״...

מיר האבן זיך געזעגנט. ער האט ארויסגענומען א וויזיטקארטל. „דא האט איר נאך א ‚באנקנאט׳: צו אונז קאנט איר ארויפקומען צו יעדער צייט פון טאג ביז צוועלף ביינאכט... כ׳וועל אייך נישט אפרייסן פון אייערע פריינט. נאר איך האב געמיינט, אז איר וועט זיין אונזער גאסט צו מיטאג״.



• • •

עס איז געווען א צייט דעמלט, ווען פאר פופציק האלענדישע גולדן, פאר הונדערט אמעריקאנער דאלארן האט מען געקויפט א הויז אין בערלין. און דער אייגנטימער איז געווען גליקלעך, אז ס׳האט זיך אים געטראפן א קונה — „אן איי פאר א פריטה, אן אקס פאר א דרייער; ברודער זיי נישט קיין פרייער, האט מען נישט דעם מזומן איז עס זייער טייער״... זאלבע דריי שפאצירנדיק נאכן מיטאג אין סטודענט קיך האב איך אוועקגעגעבן מיין גילדענע פולפעדער פאר דריי היימישע קרופניקס ביי יאנטלען אין גארקאך — מיר האבן זיך אלע דריי מחיה געווען. דרייענדיק זיך דערנאך איבער די געסלעך האבן מיר מער געשוויגן ווי גערעדט... די צוויי ברידער זיינען געווען ענטריננע פון דער נישט געראטענע בעלא קון־רעוואלוציע — — —

ווי א משוגע געווארענער הונט, וואס דרייט זיך ווילד ארום זיין אייגענעם עק דעם גיפט אין אים אריינצובייסן, דריי איך מיך שוין ביים ערשטן קאפיטל שרייבנדיק „מיינע 14 יאר אן בערלין״.

און אפשר זיינען אונזערע חכמים גערעכט, ווען זיי האבן געשריבן: „כשם שמקבלים שכר על דרישה כך מקבלים שכר על הפרישה״... אין ערשטן טייל „גזע און ירושה״ האב איך תמיד געהאט א רואיקן פונקט, ווו נאך יעדן זאץ האב איך געקענט אויסרוען — די היים, טאטע מאמע! האב איך ווייטער נישט געקענט, זיינען זיי מיר געשטאנען צוקאפנס, כ׳האב געהערט ווי זיי שעפטשען מיר אין אויער אריין —

איין ווארט כ׳האב נאר געברויכט צו פארנעמען און ס׳האט גענומען שפינען פאר מיינע אויגן, וועבן און שוועבן; פליגל כ׳האב געהערט פלאטערן איבער קאפ — אליין כ׳האב פליגל באקומען.

שרייבנדיק דעם צווייטן טייל, — די צוויי יאר אין האלאנד — נאר געברויכט די פעדער אין האנט אריין נעמען און — די גלאנציק צעארבעטע שאוול האט געטאנצט אין מיין האנט, „קלאפטער געלייגט״; יעדער פרישצעגראבענער שאוול־ערד איז אויפגעגאנגען ווארעם און דאמפנדיק — אין די האלענדישע דערפער האב איך דערשפירט דעם ריח פון די ערד; כ׳בין געבליבן שטיין מיט די צוויי הענט אויפן הענטל פונם שאוול און אויסגערוט.

שרייבנדיק איצט איבער בערלין קומט יעדער זאץ מיר אן ממש מיטן טויט. דאס ווארט „בער־לין״ ציט זיך געשפיץ און שארף, ווי א מעסער מיר אין מוח אריין — כאטש צו פארבלוטיקן... כ׳זוך דעם פונקט ווו אויסצורוען, ווייטער צו קענען אנהויבן — —

יא, ארויפקומענדיק צו די געברידער ברוינשטיינס אין הויז אין דער אויגוסט שראסע האט מיך א היימישע ווארעמקייט, ארומגענומען. שוין אריינקומענדיק, שטייענדיק א ווייל אין דער אפענער קיך טיר, אריבערקוקנדיק אין דער אנגערויכטער טומלדיקער זיץ־שטוב טיש און דעזענדיק די אין שמועסן פארטיפטע און די אויף דער זאפע ביי דער וואנט — דערזע איך א פאר פריילעך פייערדיקע אויגן קוקן אויף מיר און שוין שטייט ער ביי מיר...

„מרדכי״! מיט אויסגעשטרעקטע צוויי הענט און ליפּן ברייט צעשמייכלטע פון פרייד: „שלום עליכם א ייד״.

גאַנץ גאַליציע איז געווען אין דער שטוב! אברהם מרגלות מיטן געשפּיצטן פּיצעלע בליישטיפטל אין האַנט גרייט צו שרייבן א לידל, זיצט אויף דער זאַפע ביי זיין קוזינע מערי באַנעט, ווי א שיצנדיקער ריטער; אויף דער אַנדערער זייט שמואל לעווין, דיסקוטירנדיק מיט איר אין א „גאַר וויכטיקן״ ענין: די פּויסטלעך זיינען שטאַרק באַוועגט: „אין תוך זענט איר גערעכט חברטע מרים, אַבער דאָ האַנדלט זיך מכּוח יידישע עטיק״... נחמיה מאַסטבוים, קליין און א ביסל הויקערדיק, מיט א גרויסע קאָפּ געדיכט געקרייזלט ווי מיט נעגער־הערלעך — פול מיט פערזן, העברעאישע, יידישע, דייטשע...

אַט רעציטירט ער א געדיכט אין דייטש און לויט זיין אַקצענטירן גיט ער העלאָ׳ן צופאַרשטיין, אַז ס׳איז טאַקע פאַר איר געדיכטעט. און מענדענדעק הויך גרויס און שטאַרק מיט א רחבותדיקע גוטסקייט צעלייגט אויפן פּנים. אַביסל אַראָפּגעבויגן די ברייטע אַקסלען, ווייל „העלויש״ גרייכט אים קוים ביז צום אַקסל און וואָס העלאַ טראַכט נאָר, איידער זי זאָגט עס נאָך אַרויס, איז עס שוין אָפּגעטון. שוין שטייט דער טשייניק אויפן גאַז־אויוון און די ברויט־שניטן שוין אָפּגעשניטן אין קערבל.

שיע קיינער זאָל נישט זען, האָט זיך שוין אַרויסגעדרייט און נאָך איידער מען וועט זיך פאַרדרייען וועט ער שוין צוריק זיין מיט פרישן אויפשניט און פּילזנער פּיר — ער איז שנעל פאַר מיר פאַרביי, ווי א רואה ואינו נראה.

ביי דער וואַנט זיינען געשטאַנען דריי: א קראַסאָוויעציע, א געזונט פעסטע מויד, א ברונעטקע, א לאַכעדיקע, וואָס ווייזט כּסדר אַרויס אירע ווייסע ציין, און א קליינע, א בלאָנדע מיט גלאַט פאַרקעמטע האָר און א שרינט מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן מיט א יידישלעכן טרויער אין זיי, דער דריטער איז דער בחור פון אַפּיס־פּענסטערל מיט זיינע פלינקע אויגן און גיכע באַווע־גונגען; ער רעדט אויף איינמאָל מיט ביידע, זייט דער פּערטער איז א וועק —

מאַקס זעענדיק מיין אויפגעשאַרצטן בליק אויף דעם בלאָנדן מיידל האָט ער אויסגערופן ווי א העראָלד אין ריינהאַרצס א „פעסט־שפּיל״: „גוסטאַ, קום אַהער, כ׳וועל דיך פאַרשטעלן״... ער וויל ווייטער אויפן קול סקאַנדירן.

נאָר די גאַנצע חברה האָט מיך שוין דערזען און שמואל לעווין איז שוין געשטאַנען ביי אונז: „דאָס איז ער, מרדכי״.

„שמוילקל, דו מוזט עס ערשט מיר דערציילן, און אַליין האָב נישט קיין אויגן״?

לעווין האָט מיט גרויס פאַרנעמקייט מיך פאַרגעשטעלט פאַר יעדן איינעם און יעדן איינעם פאַר מיר. דער בחור מיט פלינקע אויגעלעך מיך דערזעענדיק אין געוואָרן גאַנץ פריטשמעליעט און דאָס בלאָנדע מיידל מיט די בלויע אויגן איז נאָך רויטער געוואָרן.

מען האָט מיך פאַרבעטן צום טיש. איך האָב געגעבן צו פאַרשטיין, אַז 10 אַזייגער מוז איך זיין אויף דער אכסניה. מאַסטבוים האָט זיך אָנגערופן, אַז איך



קאָן ביי אים בלייבן שלאָפן. „עס איז נישט נאָר דאָס״, — פאַרענטפער איך מיך און שפּיר לויפן די פלינקע אייגעלעך, נישט נאָר אויף מיר, זיי לויפן אַרום איבער דער גאַנצער שטוב — „אויף מיר וואַרטן הינטן צוויי חברים. איר מוזט מיר באמת מוחל זיין. איך בין נאָר יעצט אַרויסגעקומען, ווייל כ׳האָב צוגעזאָגט הער שיע בראַנשטיין״.

שיע איז צו מיר שנעל צוגעקומען, ווי אין „שוך־צונעמען״: „ער וועט דעם וויזיט א צווייט מאָל אָפּצאָלן״. און מיך אַראָפּ באַגלייט.

דער טאָג איז געווען א שווערער. די געסלעך, די רעסטעראַנדלעך, דער ווי אויף הינערשע פיסלעך אַהין און אַהער געלויף, דער שלשלת־גערויש פון טישל צו טישל — דער האַזאַרד, דאָס געמאַך מיט די הענט, ווי מ׳וואָלט קאָרטן געוואָרפן, — איז מיר נישט אַרויס פון קאָפּ, פון די אויגן; עס האָט מיך צעדרייט ממש. אַראָפּגייענדיק מיט שיען פון די שטיגן צו די צוויי וואַרטנדיקע ברידער האָט מיך אַזאַ היימישע באַרואיקנדיקע וואַרעמקייט אַרומגענומען און די שווערקייטן האָבן זיך ווי אויסגעגליכן: ...צען מעסטלעך משפּחה־געפיל האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד. איין מעסטל האָבן באַקומען אַלע יידן, ניין מעסטלעך — די יידן פון גאַליציע! די אחריות פאַר דער שטוב וועגט אַפּנים „אַלץ־אַנדערע״ איבער.

## א. גאָלאַמב

## א שמועס

עס זיינען געזעסן דריי יידן ביי א טעפּעלע קאַווע. וואָס טוען יידן? — מען דיסקוטירט, ווי עס איז דער מנהג. דריי גוטע, אינטעליגענטע יידן. איז זייער דיסקוסיע אַן אַלטע, מען האָט זי אָנגעהויבן מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק און מען האָט זי נאָך ניט געענדיקט. איז ראובן דער ליבער העברעיסט. ער האַלט אין איין ציטירן העברעישע דיכטער; א, דער גרויסער דור משכּילים! זיי האָבן דאָך באַנייט אונדזער יוגנט! און היינט — א גאַנץ פאָלק רעדט דאָך עברית! א מחיה! פּראָפעסאָרן, רבנים, און אפילו גנבים, און וועמער ניט? אַזאַ רייכע קולטור! אַלץ עברית! אפילו אין די גלותן האַלטן דאָך אַלע אין לערנען עברית!... א סך אַרגומענטן, אויף א גאַנצער נאַכט וואָלט געווען גענוג...

„און וואָס איז געוואָרן, שמעון, מיט דיין יידיש? זעסטו דען ניט, אַז יידיש גייט אונטער? פאַרלאַגן, צייטונגען, שולן — אַלץ. אומזיסט, פאַרלאָרן דיין גאַנצע אַרבעט, שמעון! און שמעון היצט זיך און ער ענטפערט. ער האָט אויך מאַטיוון א סך, און טענות, און באַווייזן, און ער לאָזט זיך ניט איינגעמען! ער איז א ייד א מאמין: עס וועט נאָך אויפשיינען די זון פון יידיש, אין דער מדינה וועט מען לערנען און היטן יידיש! אַוועק די צייט פון וואַרפן באַמבעס אויף א יידישער דרוקעריי, אויף א יידישער פאַרזאַמלונג!...

און ווי אַלט זיי זיינען די צוויי ליבע יידן, אַזוי אַלט זיינען זייערע טענות, זייער דיסקוסיע.

זיי ביידן שלאָגט איבער דער דריטער, לוי. ער מיט א יאַרמלקע אויפן קאָפּ,

ער איז גאר צופרידן: דאס יידישע פאלק האט זיך אין די גלותן געהאלטן נאר מיט דער רעליגיע, און אזוי וועט ווייטער אויך זיין. גיט א קוק אויף סאטמאר אין ניו יארק! אויף ליבאוויטש — דארטן זיינען די יידן! ישיבות און ישיבות! איר ווילט יידיש, איר ווילט יידישקייט, — גייט צו זיי...

און אין היץ פון דער אומענדלעכער דיסקוסיע, האט מען לגמרי ניט באמערקט דעם פערטן יידן, וואס איז געזעסן שטיל, אן א זייט און כמעט ווי געשוויגן. אויסגענוצט א מאמענט ווען די באלעבאסטע האט דערלאנגט געשמאקע אייזקרעם, האט ער שטיל אריינגעזאגט: מען האקט אראפ דעם קאפ, און איר דיסקוטירט וועגן די האר... איר זייט אלט געווארן אין די דיסקוסיעס און שוין זעכציק יאר ווי איך הער די זעלביקע טענות, איר זיצט נאך אלץ מיט אייערע נשמות אין ווארשעווער ליטעראטן־פאריין אויף טלאמצקע דרייצן, אדער אין ווילנע ביי וועלוקן אין רעסטאראן. איר האט דאך ניט באמערקט די גאנצע ערד־ציטערניש. איך הער אייערע טענות—אלטע, פארטריקנטע בייגל, ניטא קיין אנהייב און ניטא קיין סוף, נאר די לאך בלייבט. איר האלט אין איין דיסקוטירן, אייער קאווע איז קאלט געווארן, אייער אייזקרעם איז צעגאנגען, אזוי צעגייט אונדזער גאנץ פאלק, אלץ ווערט קאלט, ווי אונדזער קאווע איז אויסגעקילט געווארן. איר קריגט זיך, — אייערע קינדער וועלן שלום מאכן. ווו זיינען זיי? אייערע קינדער, מיינע, ווו זיינען די קינדער פון אלע יידישע שרייבער? פון אלע יידישע טוערס? זיי קריגן זיך ניט, זיי דארפן שוין גארניט. יידיש?—אוודאי גייט יידיש אונטער! און עברית? אלע לערנען עברית, אלט יונג, זשוק און זשאבע, איניקל און באבע, — אלע טאג דרוקט מען נייע לערנביכער, און דאס איינציקע וואכנבלאט קען זיך ניט האלטן. וואס מער איר לערנט, אלץ ווייניקער דארף מען עס. און די רעליגיע? — איר האט אמאל געזען געפארבענע אויסגעבלאזענע אייער? די שאלעכץ איז דא, גאנץ פיין, אבער קיין איי איז ניטא, ליידיק. געווען טאקע אמאל א ברויזנדיקער ים, איז געווען ביים ברעג א סך גלאנציקער שוים. וואס די כוואליעס האבן אנגעטראגן. איז דאס וואסער אפגעפלאסן צוריק, דער שוים איז געבליבן, טריקנט אויס... מיר זיינען אלע א ביסל שוים פון אן אויסגעטריקנטער כוואליע. נאר די שפראכן? און ווו איז דער סאציאליזם, וואס מיר האבן געבראכט? און דער ציוניזם? און אלע אידעאלן אייערע, מיינע? אלעמעס? נאך א „גליק" וואס עס זיינען דא יידן, וועמען מען דארף העלפן, האלטן זיך נאך יידן מיט יענעמס זכות. אבער עס ווערט דאך אויך פון יאר צו יאר אלץ ווייניקער, אלץ קנאפער. איר זאגט — די מדינה! טאקע זייער גוט!

דארטן איז עברית, דארטן וועט אויך זיין יידיש, דארטן איז טאקע רעליגיע, שבת איז דארטן טאקע שבת! ניט ערב זונטיק, ווי ביי אונדז אלעמען. יע, אלץ, — אבער ווי וועט זיך די מדינה האלטן אן די גלותן? און דארטן, אינעווייניק? פון די נייע מדינות, אפשר די וואס האט אממערסטן באוויזן, אויפגעטאן מער ווי אלע אנדערע, און ווער איז דארטן צופרידן? ווער קלאגט זיך ניט? ווער קריגט זיך ניט? ווער טענהט ניט? אוודאי האט די יוגנט אין דער



מדינה אויסגעהאלטן דעם שווערסטן, דעם גרויזאמסטן עקזאמען פון בלוט. דאס לאנד ישראל איז דורכגעווייקט מיט הייליק בלוט פון ווייליקע קרבנות. יעדער שפאן ערד איז אנגעפילט מיט הייליקע זכרונות. אלץ אמת, אבער נו, און אין פרידלעכע צייטן איז מען צופרידן מיט דער יוגנט? ניטא דאך קיין צייטונג וואס זאל ניט דערציילן קיין עבירות, ניט באקלאגן זיך, ניטא קיין פאר זאמלונג פון שרייבער, פון לערער, וואס זאל ניט אויסריידן כל דבר אויף דער יוגנט. און אז מען רעדט אזוי פיל, איז דאך מסתמא עפעס זיכער פאראן. עס איז דאך ניט סתם קיין בילבולים, אויסגעטראכט פון שונאים. אז מען קלינגט איז דאך א חגא, — זאגן דאך יידן. ווי קומט עס אבער? האט זיך דאך אין ארץ ישראל אנגעזאמלט יוגנט פון גלות, אלץ אידעאליסטן, שופרא דשופרא — דאס בעסטע פון די בעסטע. ניט קיין אמעריקע מאכן א גוט לעבן איז מען געגאנגען, נאר דווקא קיין ארץ ישראל; מען האט געדארפט מיטנעמען כינין קעגן קדחת און א רעוואלווער קעגן אנפאלער, — און מען האט טאקע געקדחתט און געבויט, געהונגערט און געבויט, געקרענקט, זיך געמאטערט און געבויט. און זיי האבן אויפגעבויט דאך! האט דאך די היינטיקע ישראלדיקע יוגנט געדארפט זיין א סך העכער, מאראלישער, געטרייער, האט זי געדארפט טראגן אין זיך ירושה־עלעמענטן פון דעם דור. מיר הערן עס ניט. האט איטלעך שטעטל געהאט עלויים זיך צו בארימען מיט זיי; זיינען ארעמע יינגלעך אנגעלאפן אין די גרעסערע שטעט אריין, מיט פולע קעשענעס שעמעוודיקע שריפטן, זיינען פון צווישן זיי דאך ארויסגעקומען גרויסע שעפערישע מענטשן. שרייבער טעארעטיקער, קעמפער, דענקער... ביז היינט ליגט נאך אלץ אין די הענט פון יענעם דור, אין די רעשטלעך. ניט באוויזן זיך אויף אונדזערע הימלען קיין גרויסע נייע שטערן, ניט אין גלות און אויך ניט אין מדינה. זיינען מיר געווארן א שטום פאלק אויף אלע שפראכן. האט די גרעסטע טראגעדיע אין אונדזער געשיכטע ניט געפונען, ניט זוכה געווען צו א גרויס ווארט, וואס זאל די וועלט אויפשוידערן... וואס די וועלט? — דאס יידישע פאלק אליין זאל אויפשוידערן — אפילו דאס ניט! האט דער גרעסטער נס אין אונדזער געשיכטע — בית ראשון, בית שני און בית שלישי — ווידער נאך אזא לאנגן גלות, נאך אזוינע גרויזאמע חורבונות האט דאס פאלק יע געהאט כוח און מוט און גלויבן אויפצובויען די מדינה! אבער ווו איז דאס גרויסע ווארט וואס זאל אפהילכן זאגן אלע הערצער פון פאלק? עס קען זיין אז אזא ווארט איז יע געזאגט געווארן, נאר עס איז געבליבן פארשטעקט אן א רעזאנאנס, ניטא קיין אפהילך אין פאלק — שטום און טויב. אפשר האט יע עמיצער פון אונדזערע שעפערישע מענטשן יע"ארויסגעוואיעט" אט דאס ווײ־געשריי פון דער יידישער שכינה, און קיינער האט עס ניט אויפגעכאפט, אפשר האט יע עמיצער אויסגעשאלט דעם „אז ישיר" אבער ניט געווען קיין בת קול אין פאלק. ניטא מער קיין גרויסע שטערן אויף דעם יידישן הימל און אויב יע, דערגייט ניט זייער שיין צום פאלק. משה טראגט די לוחות, און דאס פאלק טאנצט גאר ארום אנדערע, פרעמדע געטער, נאכגעמאכט לויט פרעמדע געשטאלטן.

אזוי זיינען מיר אויך היינט. מיר זיינען ניט מיר ווי מיר זיינען געווען מיט א דור, מיט צוויי צוריק. מיר זיינען מער קאפיעס פון אנדערע אידער מיר זיינען דאס וואס מיר זיינען. געדענקט: א מענטש אליין, פאר זיך, א אינדיוויד איז נאך ווייט ניט קיין פערזאן, ער הייבט קיין מאל ניט אן פון אנהייב. זיין נשמה, זיין גייסט, זיין גאנצער גייסטיקער אינהאלט, און זיין פירונג איז א תולדה פון א סך דורות. איטלעכער מענטש איז געפורעמט אין פורעם פון זיינע אורעלטערן עד סוף כל הדורות.

מיר אבער, יידן פון היינטיקע צייטן, האבן בוגד געווען אין אונדזערע דורות. אנגעשמעקט מיט פרעמדע קולטורן, פון ביכער ארויס, פון נאכמאכן, האבן מיר פארלארן זיך אליין די אריגינאלן וואס מיר מאכן זיי נאך האבן מיר ניט פאדייט. זיינען מיר ניט עכט און ניט אויפריכטיק. איז אונדזער אוי ניט אונזערס, און אונדזער יא איז נאכגעמאכט. און א גרויס ווארט קען קומען נאר פון אייגענעם הארצן ארויס און אין הארצן איז אדער עס לעבן אייגענע דורות, אדער... „אין אייערע נשמות איז די מזוזה א פסולה" (ביאליק). פון דעם מאמענט אן ווען יידן האבן גענומען ריידן די שפראך פון לאנד און אומבאדינגט מיט דעם ריכטיקן אקצענט, האבן, יידן פארלארן זייער עכטקייט, פארלארן זייער אכטונג צו זייער אייגענעם פאלקישן „איך", צו זייער פאלק. ניט וויכטיק און ניט ריכטיק וואס אזוינע יידן האלטן אין איין שווערן זיך אגאנצן טאג, אז זיי זיינען זייער שטאלץ מיט זייער יידישקייט. דאס גופא איז ניט מער ווי א פראזע, אויך ווייט פון צו זיין אויפריכטיק, אמתדיק. כל זמן יידן זיינען געווען עכט מיט זיך, איז א גויישער נאמען געווען א זידל ווארט, א באליידיקונג. „דו, יורקע, פעטרוק", פלעגט א רבי א שטאך טאן א שוואכן תלמיד. ווען אבער יידן האבן גענומען ריידן מיט דעם פרעמדן אקצענט און רופן זיך נייע נעמען, איז פארלארן געגאנגען דער יידישער טיפ, דער עכטער ייד. און אפילו ווען א העניעך רופט זיך שוין ניט יעווגעני, נאר חנוך, און הירשל רופט זיך סאמעראדנע צבי, איז שוין דאס אויך א סימן מען וויל זיך אויסטיילן פון צווישן יידן, און דער טיטל „נאציאנאלער ייד" איז א פאלשער עטיקעט. אפשר איז עס צביעות און אפשר ניט ווייל א צבועק וויל אפנארן יענעם. די נארן, ווילן אפנארן זיך אליין. קודם כל פרומע יידן הייבן אן צו זוכן וואס „מען מעג", וואס דער שולחן ערוך פארבאט ניט בפירוש. דארף דא גוט אונטערשיידן צווישן געטרייע יידן און צווישן פרומע אידן, און „נאציאנאלע" יידן. א געטרייער ייד וויל ניט קיין ספעציעלע עטיקעטן, אלץ וואס עס איז יידיש איז אים ליב און קונצן, ער רעדט יידיש מיט יידן ניט ווייל ער איז א יידישיסט, נאר פשוט ווייל ער איז ייד, אן חכמות. ער האט ליב א יידישן וויין און קרעפלעך, ניט כדי מקיים צו זיין א מצווה, נאר ווייל ער איז ארגאניש געקניפט מיט זיינע דורות, ווי א דעמב איז א דעמב און ניט קיין צעדער פון לבנון, ווי א ציג איז דווקא נאר א ציג און ניט קיין ווילטיר. דאס איז דער געטרייער, אדער פשוטער ייד.

דער פרומער ייד היט דעם שולחן ערוך. ער איז אין בעסטן פאל געטריי דער יידישער רעליגיע, אבער ניט דעם יידישן פאלק. רעליגיע איז א סכום



פיקסירטע עלעמענטן; רעליגיע האט פריוואטע צילן: גאט הייסט מיר טאן און ער וועט מיר באצאלן. עס קען זיין געטרייקייט צו יידישע רעליגיע, אן דעם צו זיין געטריי דעם יידישן פאלק, די צוויי זיינען פאר אים באזונדערע זאכן מען קען דאך זיין א פאליאק ניט קיין קאטויל, פארוואס קען מען ניט זיין רעליגיעז פרום און ניט קיין ייד?

דער „נאציאנאלער" ייד (נאר ביי יידן איז מיר באקאנט אזא טיפ פון פסיידאנאציאנאלע) זוכט צו זיין ענלעך צו די גאר פארצייטיקע יידן, פון תנך ארויס. אחימעץ און בלהה זיינען שיינע נעמען פאר יידן, אבער חלילה ניט אברהם און יצחק־איציק אדער יעקב יאנקל...... אזוי ווי עס קען זיין עמאנציפאציע און אויטאעמאנציפאציע, אזוי קען זיין ביי יידן אויך אסימילאציע און אויטאאסימילאציע.

עכט, אמתדיק, אויפריכטיק קענען זיין בלויז די געטרייע אדער פשוטע יידן. צום באדויערן טרעפן זיי זיך גאר ניט צו אפט.

און ווייל ניט עכט, איז שוין במילא ניט אויפריכטיק, איז שוין אין נשמה א שקר. ווייל ניט עכט, איז אויך אןווארצלען. בלעטער אפגעריסענע פון בוים, טראגן זיי זיך מיט יעדער ווינטל ווער אהין און ווער — אהער. אט וואס איר זייט אלע.

וואס קריגט איר זיך וועגן שפראכן? וואס קריגט איר זיך — אזא טעמפל אדער אן אנדער? זוכט אייערע ווארצלען, וועט דאס יידישע פאלק זיין געזונט...

... דער שרייבער האט פארשריבן די רייד פון די פיר, און ער איז מסכים מיט דעם לעצטן.

מאיר באגדאנסקי

## העניק ערליך און וויקטאר אלטער

(25 יאר נאך זייער מארד)

עס איז געווארן 25 יאר זינט אין רוסלאנד זיינען דערמארדערט געווארן, לויט א באפעל פון סטאלינען, די צוויי פירער פון „בונד" אין פוילן העניק ערליך און וויקטאר אלטער.

און משך פון די קנאפע צוויי יאר אין וועלכע רוסלאנד האט געבאלעבאטעוועט איבער א העלפט פון פוילן, וועלכע זי האט פארכאפט אין הסכם מיט דעם שענדלעכן, אזוי גערופענעם, ריבענטראפ — מאלאטאוו אפמאך, האט איר געהיים פאליציי — די נ.ק.וו.ד. אומגעבראכט הונדערטער אנדערע פירער פון „בונד" און פון אלע אנדערע פאליטישע פארטייען. טא מיט וואס שיידט זיך אונטער דער מארד איבער די צוויי מענטשן פון יענע? און תוך — מיט גארנישט. דער אונטערשיד איז בלויז און דער כאראקטעריסטיק פונעם מארד. יענע האט מען „אפגערוימט" אן שום צערעמאניע־אויף א „שטילן" אופן. נישט אזוי העניק ערליך און וויקטאר אלטער. זיי האט אין פוילן געקענט קינד און קייט. זיי זיינען געווען די צוויי הויפט פירער פון „בונד". אונטער זייער השפעה איז דער „בונד" געווארן דער רעפרעזענטאנט פונעם רוב מנין

ורוב בנין פון יידישן פאלק. א פאר חדשים פארן אויסברוך פון דער מלחמה זיינען אין גאנץ פוילן פארגעקומען וואלן צו די שטאטראטן (בארו קאונסילס). ביידע זיינען געשטאנען בראש פון דער ליסטע פון „בונד“ אין ווארשע, וועלכע האט באקומען 17 פון די 20 יידישע ראטמענער. ענלעך זיינען געווען די רעזולטאטן אין די אנדערע שטעט. זיין א ראטמאן אין שטאטראט האט געפאדערט א ים מיט אפפערוויליקייט. מען האט געדארפן פארמאגן זייער אסך מוט ארויסצוטרעטן סיי קעגן דער אלגעמיינער רעאקציאנערער פאליטיק פון דער האלב פאשיסטישער רעגירונג, פון וועלכער אלע בורגער האבן געליטן, סיי געגן איר אנטיסעמיטישקייט פון וועלכער די יידישע באפעלקערונג האט נאך געליטן ווי א צולאג. אחוץ דעם האט מען יעדן טאג געדארפט אינטערווענירן וועגן פערזענלעכע ענינים פון וועלכע יעדער באזונדערער בירגער האט געהאט אויסצושטיין. ביידע האבן זיך נישט געשפארט אויף אלע דידאזיקע געביטן. ליידנשאפטלעכע אנהענגער און פארטיידיקער פון דער יידישער אייגנארטיקייט — קעגנער פון אסימילאציע, זיינען זיי קיינמאל נישט מיד געווארן צו פארלאנגען פון די שטאט פארוואלטונגען געהעריקע סובסידיעס פאר יידישע קולטור אינסטיטוציעס ווי יידיש שולן, יודיש טעאטער, ביבליאטעקן און אנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס. אויסערסט פעאיקע זשורנאליסטן האבן זיי טאג טעגלעך אויף די שפאלטן פון דער פרעסע אויפגעקלערט אלע פאליטישע פראבלעמען און געוועקט און געמוטיקט די יידישע באפעלקערונג נישט צו לאזן זיך באטראכטן ווי בירגער פון א נידעריקערער מדרגה. ערליך — איינער פון די בעסטע אדוואקאטן — פלעגט נאך געפונען צייט צו פארטיידיקן און גריכט קאמוניסטן, וועלכע זיינען געמשפט געווארן פאר געהערן צו דער קאמוניסטישער פארטיי, וועלכע איז געווען אומלעגאל.

פיל צענטליקער אזעלכע קאמוניסטן האבן זיך ארומגעדרייט אויף דער פריי אדאנק דעם וואס ערליך האט זיי פארטיידיקט אין געריכט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנהייט און געשיקטהייט און אין די מערסטע פאלן אן געצאלט.

אלטער איז געווען דער פארזיצער פון דעם לאנד ראט פון די יידישע פראפעסיאנעלע פאריינען (טרייד יוניאנס). אונטער זיין אנפירונג איז געלונגען אדורכצופירן די פארייניקונג פון די באזונדערע־פאראלעלע — פראפעסיאנעלע פאריינען. איז נישט קיין וואונדער וואס זיי זיינען געווען אזוי ברייט באקאנט און פאפולער. ביידע זיינען געווען באקאנט אינעם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל, צו וועלכן אויך דער „בונד“ האט געהערט. זיי פלעגן זיך באטייליקן און זיינע קאנגרעסן און זיצונגען פון זיין עקזעקוטיוו. זיי זיינען אבער אויך געווען גוט באקאנט סטאלינען...

ווען די רויטע ארמיי האט אין סעפטעמבער 1939 ארייננמארשירט קיין פוילן האבן ביידע זיך געפונען און דערזעלבער טייל. אלטער־אין קאוועל, ערליך — אין ברוסק. אלטער צוזאמען מיט א גרופע פוילישע טרייד יוניאן טוער האבן אויסגעארבעט א דעקלאראציע אין וועלכער עס האט זיך געזאגט, אז זיי האפן אז ראטן־רוסלאנד וועט העלפן דער אונטעריאכטער באפעלקערונג פון פוילן זיך צו באפרייען פון דער נאצישער קנעכטשאפט און זי איבערגעגעבן דעם פארשטייער פון דער סאוויעטישער מאכט. מען האט די דעקלאראציע העפלעך צוגענומען און צוגעזאגט אן ענטפער אין עטלעכע טעג. דער ענטפער איז געקומען זייער שנעל. צומארגנס איז מען געקומען אויף דער קווארטיר פון יעדן וואס האט די דעקלאראציע אונטערגעשריבן און מען האט אלע ארעסטירט. ערליכן האט א יונגער יידישער קאמוניסט דערקענט אויפן וואקזאל, אים פארמסורט פאר דער גע.פע.או. וועלכע האט אים באלד ארעסטירט.

סטאלין האט געמיינט אז ער וועט זיך קענען מאכן א ספעקטאקל. א „געריכט“ מיטן גאנצן קלאפערגעצייג, ווי איבער זיינע אייגענע חברים מיט עטלעכע יאר פריער. האט מען די צוויי מענטשן געהאלטן אין באזונדערע טורמעס אין מאסקווע, זיי געפייניקט און מען האט גארנישט געקענט אויספירן. לסוף האט מען אין יולי 1941, ווען די דייטשן האבן שוין באמבארדירט רוסלאנד, ערליכן איבערגעפירט קיין סאראטאוו. דארט האט א „געריכט“ פון דריי מיליטערישע אפיצירן אים פארמשפעט דערשאסן צו ווערן פאר סאבאטאזש(?) ארבעט קעגן סאוויעטן פארבאנד. קיין שום עדות זיינען נישט ארויסגערופן געווארן. דער „פראקוראר“ האט אפילו נישט געהאלטן קיין באשולדיקונגס רעדע — ווי עס פירט זיך אין א געריכט. דער אורטייל איז אן ענדגילטיקער; קיין רעכט צו אפעלירן איז נישטא. ארייגעפירט אין טויטן קאמער, געגעבן אנצוטון אויף די פיס א פאר ספעציעלע, אזוי גערופענע טויטן לאטשן און אים געזאגט, אז ער קען זיך ווענדן צום אויבערשטן סאוויעט מיט א ביטע וועגן באגנעדיקונג. ער האט קיין ביטע נישט אנגעגעבן. אויפן עלפטן טאג, ווען ער איז געווען זיכער אז מען קומט אים נעמען צו דער עקזעקוציע — האט מען אים געמאלדן אז דער העכסטער סאוויעט — פון זיך אליין — האט אים אויסגעביטן די טויט שטראף אויף 10 יאר ארבעט און א קאנצענטראציע לאגער. גענוי דאס זעלבע איז פארגעקומען מיט אלטערן.

אין רעזולטאט פונעם דייטשן אנפאל אויף רוסלאנד האט די לעצטע געשלאסן אן אפמאך מיט דער פוילישער גלות רעגירונג וועלכע האט זיך געפונען אין ענגלאנד, לויט וועלכן אלע פוילישע בירגער אין רוסלאנד האבן געזאלט באפרייטן ווערן. אויך ערליך אן אלטער זיינען לסוף באפרייט געווארן. באלד איז געקומען צו זיי א פארשטייער פון בעריא — דער הויפט פון דער נ.ק.וו.ד. (געהיים פאליציי) און געבעטן אנטשולדיקונג פאר די טויט אורטיילן וואס מען האט „על פי טעות“ אויף זיי ארויסגעטראגן מיט עטלעכע וואכן צוריק. און זיי פארגעשלאגן צו שטעלן זיך בראש פון אן אלוועלטלעכן יידישן קאמיטעט צום קאמף קעגן פאשיזם. זיי ביידע און שלמה מיכאעלס — דער אקטיאר — האבן געזאלט בילדן דאס פרעזידיום. ביידע האבן באלד מסכים געווען צו דעם פארשלאג און האבן באלד אויסגעארבעט א פראיעקט פון א סטאטוט פון אזא קאמיטעט. זיי זיינען געווארן איינגעלאדן צו בעריא, וועלכער האט זיי געזאגט אז סטאלין אליין מוז געבן זיין הסכים דערצו. האט מען געווארט אויף זיין ענטפער. און דער „ענטפער“ איז געקומען. אין דער נאכט פון דריטן אויפן פערטן דעצעמבער 1941, אזייגער האלב איינס ביינאכט, האט מען זיי ארויסגערופן פונעם האטעל אין וועלכן זיי זיינען איינגעשטאנען. „ס'איז ווער געקומען פון מאסקווע מיטן ענטפער“ האט מען זיי פריער געזאגט. זיי זיינען ארויס

און מער האט זיי שוין קיינער נישט געזען.

דער רושם אין דער וועלט צוליב זייער פארשווונדן איז געווען אויסערסט גרויס. אלע גרעסטע טרייד יוניאנס, אלע שרייבער ארגאניזאציעס, די פּראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן אין דער וועלט האבן געשיקט פעטיציעס צו דער סאוויעטישער רעגירונג צו באפרייען די צוויי מענטשן. צוערשט האט סטאלין און אלע זיינע מיטהעלפער געלייקנט שטיין און ביין. זיי וייסן גארנישט צי מען האט זיי ארעסטירט. ערשט פערצן חדשים שפעטער — נאך אומאויפהערלעכע פאדערונגען צו אנטפלעקן זייער גורל — האט ליטווינאוו, דער סאוויעטישער אמבאסאדאר און וואשינגטאן, צוגעשיקט א בריוו צו וויליאם גרין — דעם פארזיצער פון דער אמעריקען פעדעריישן אף לייבאר, און וועלכן ער האט געמאלדן או הענריק ערליך און וויקטאר אלטער זיינען דערשאסן געווארן... די דאטע פון דער הינריכטונג איז קיינמאל נישט אנגעגעבן געווארן.ווארשיינלעך איז דער מארד אויסגעפירט געווארן אין דערזעלבער נאכט ווען מען האט זיי ארויסגערופן פון האטעל. ס׳האט זיך אנגעהויבן די אויסראטונג פון די יידן אין רוסלאנד. און ווען איז דאס געשען? און דער נאכט פון 3טן אויפן 4סטן דעצעמבער 1941. גראד אין דערזעלבער צייט ווען היטלער האט אנגעצונדן די קרעמאטאריעס אין אוישוויץ און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן.

---

א הארציקן מזל טוב צו אונזער פריינט דעם פעדאגאג און שרייבער, **יעקב און הינדה בארד** צו די תנאים פון זיינער עלטסטן זון **ברוך** מיט זיין אויסדערוויילטער **בת-שבן האריס.**

לשון און לעבן

דער קולטור קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט קאנגרעס און דער פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן, ענגלאנד

**קבלת פנים לכבוד**

דעם 70-טן געבוירנטאג

פון אונזער דיכטער

**א. נ. שטענצל**

**זונטיק, דעם 26־מערץ, 1967, פונקט 3 א זייגער**

רעדנער:

ש. גאלדשמידט, יוסף לעפּטוויטש, ד״ר יעקב מייטליס

פארזיצער: יוסף פרענקעל באגריסונגען משקה און צובייסן

יוליאן גאלד וועט רעציטירן פון שטענצל׳ס לידער

איינטריט פריי

**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס**

(בערנער סטר. 33 א.ו. בערנארד באראן סעטלמענט — 3 א זייגער)

שבת, דעם 18׳טן מערץ — יידישער הומאר. אייזיק גאלדבערג וועט לייענען ווענדראַווס הומאָרעסקעס, לכבוד וועגדראווס 90קן געבוירן יאר.

שבת, דעם 25׳סטן — א פורים פּראָגראַם. י. ריכטיגער: פורים פאלקלאר.

שבת, דעם 1׳סטן אפריל — מנשה ווייסגראז און נעט רובין — שלום עליכמען.

שבת, דעם 8׳טן — די ענגלישע ארבעטער פארטיי — סעם לעוו.

שבת, דעם 15׳טן — די יארצייטן פון י. ה. לעווי ס. פאלמע און קייטי בראון.



# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 426) | אכט און צוואנציקסטן יאר | יוני לאנדאן


אינהאלט:


ספירה טעג שנת תשכ״ז „מה שפגמתי שבספירה — גבורה שבגבורה״, ל״ג בעומר 1967 ....... *** 1

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא ....... מאיר באגדאנסקי 7

די נישט דערמאנטע ....... יעקב ריכטיגער 9

מיין געבוירנשטאט (ליד) ....... יוסף לעפטוויטש 13

ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיעס) אונזער גאסט — משה גראס־צימערמאן פון ישראל ....... ש. י. דארפסאן 13

צוויי פרילינג־לידער, אנוכי, דוד המלך און בעל־שמס יארצייט (לידער) בראשית — אין אנהייב (המשך) ....... א. נ. שטענצל 16

העלענע קאוט, סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד, אן אוונט פון יידישן פאלקלאר ....... י.פ.

אויף שלום אש׳ס קבר (ליד) ....... שמואל וויהט 32

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס ....... 33

אראבער, ישראל און מאראל (אויסצוג פון אן ארטיקל אין „ניו־שטייטסמען״ פון 2׳טן יוני 1967) .......

סאברעס (ליד) ....... עלא זילבערג



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Street, London. E.1*


**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנאַמענט אפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.


אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND